STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10755

VI A SOLDAT

M. Talalayevski

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מ. טאַלאַלײַעװסקי

װי אַ סאָלדאַט

לידער

1941—1945

אָגיז
מעלוכע־פאַרלאַג „דער עמעס"
מאָסקװע 1946

I. דער עמעסער אָנהייב

דער עמעסער אָנהייב

איך האָב פארלאָזט
מײַנ מאזלדיקע שטוב,
די אויסגעטאָקטע שראנקענ
פול מיט קלוגע ביכער.
מײַנ וווינונג איז אינ פעלד.
וואָס טיפער ס׳איז די גרוב —
אלץ מער פארהיט בינ איך
פונ פײַערדיקנ וויכער.

. . . .

ביז בלאָטערס אפ די הענט
די גרוב האָב איך געגראָבנ.
אינ רעגנ אונ אינ שניי,
אינ היצנ אונ אינ פראָסט...
עס פלעגנ איבער אונדז
זיך טראָגנ טשאטעס ראָבנ,
ווײַל נעבנ איז דער טויט
געשטאנענ אפ זײַנ פאָסט.

. . . .

איז זאָל זשע די סאָלדאטנ-ליד,
די ליד פונ גרויסע יאָרנ,
זײַנ כאָטש א זעמדעלע
אינ נײַעם, ריזיקנ געצעלט...
מיר זײַנענ אינעם שלאכט
אפסנײַ געבאָרנ,
מיט אייגנ בלוט
געראטעוועט די וועלט.

ראָסטאָוו. מארט 1943

ווי א סאָלדאט

ניט איין מאָל אין א שווערן שלאַכט
עס פלעגט מײַן האַרץ אַפּסנײַ דערהערן
די ליד „אין קאַלטער ווינטער־נאַכט,
בא שײַן פון בליצנדיקע שטערן״...
און אויפשטיין פלעגט פאַר מײַנע אויגן
דער ריז, וואָס האָט די ליד פאַרפאַסט,
וואָס קיינמאָל האָט זײַן קאָפּ געבויגן,
וואָס האָט געלעבט און האָט געהאַסט,
ווי א סאָלדאַט.

כ׳בין קיינמאָל ניט געווען מעקאַנע
אַפּ יענעמס גוטס און רום און גליק.
נאָר ערשט אין שלאַכט האָב איך פאַרשטאַנען,
אַז ערלעכקײַט אונדז פירט צום זיג;
און כ׳האָב געשווירן זײַן געראָטן
אין ערלעכסטן פון די פּאָעטן,
וואָס האָט זײַן וועג זיך דורכגעטראָטן
דורך א געדיכטן וואַלד באַגנעטן,
ווי א סאָלדאַט.

אפּ גאָר די ראַכוועסן ווי דאַן —
צעפלאַקערן זיך סרייפּעס בונטע,
און שטענדיק גרייט איז מײַן נאַגאַן,
ווי שוואַרצמאַנס ביקס אין הענט געזונטע.
איך בין אין שלאַכט. מײַן האַס איז שאַרף,
בלויז פון נעקאָמע כ׳שעפּ מײַן פרייד.
ס׳קאָן טרעפן אַלץ. נאָר אויב מע דאַרף —
איז אומקומען אויך איך בין גרייט,
ווי אַ סאָלדאַט.

און אויב פאַרגעסן וועט מײַן שאָכן,
מײַן פרײַנט, מײַן פרוי און אויך מײַן קינד,
ווי כ׳האָב אין קריג מײַן קאָפּ געבראָכן,
ווי זייער מאַזל כ׳האָב געדינט —
מיך אַרט עס ניט! צווישן העלדן
געטראָגן כ׳האָב מײַן שווערע לאַסט,
און ליב איז מיר דער וועלט צו מעלדן:
איך האָב געלעבט,
געליבט,
געהאַסט —
ווי אַ סאָלדאַט!

לוואָוו. האַרבסט 1944

דער הײליקסטער פֿון די געבאָטן

פֿון װאָלגע ביז עלבע,
פֿון װאָלגע ביז עלבע
דאָס האַרץ זאָגט מיר אונטער
אײנס און דאָס זעלבע:
הרגע דעם דײַטש,
הרגע!

אַף זעלנער־געװיסן
עס פֿאַלט ניט קײן שאָטן —
איך פֿיל אױס דעם הײליקסטן
פֿון די געבאָטן:
כ׳הרגע דעם פֿײַנט,
כ׳הרגע!

עלבע. 1945

אזוי און ניט אנדערש

1

ווען כ׳טו מיך אין יענעם פארנאכט א ד׳ערמאָן,
וואָס קומט מיר ארופ אפן זין?

אזוי און ניט אנדערש!
געזאָגט און געטאָן:
אָן הילך פון אָרקעסטער,
אָן פויק און אָן פאָן —

וואָס נאָך קומט מיר אופ אפן זין?

בא קיינעם ניט פרעגן —
כ׳פארשפיל צי כ׳געווין,
ווען כ׳רײַס זיך אליין אפן פראָנט.
אָט איז שוין קרעשטשאטיק...
מאשין נאָך מאשין...
ווי שמײַדיק, ווי שנעל
כ׳בין ארײַן אין שינעל
און האָב זיך אליין ניט דערקאָנט...

אזוי און ניט אנדערש!
אָן בעז און אָן לאנדיש,
אָן פלאמיקע דראָשעס,
אָן שוויעס, אָן לידער,
א ביסל צעטראָגן, א ביסל א מידער,
אין שווערע צוויי שטיוול,
וואָס ריפּען און סקריפּען,
דאָס וועש אין א האנטעך
פארדרייט און פארקניפּלט...
וואָס דארף איך דאָס פּעקל?
וואָס טויג מיר דאָס וועש?

די שטערן, ווי טראָפּנס צעשמאָלצענע מעש,
ווי קוילן צעגליטע, זיי פאלן אראָפּ —
גלייַך אף מיַין הארץ,
גלייַך אף מיַין קאָפּ...

אזוי און ניט אנדערש —
געזאָגט און געטאָן!
איצט זאָל מיַין געוויסן
מיר זיַין ווי א פּאָן.

דאָס לעבן אפּסנייַ הייב איך אָן!

2

געוויסן...
ווער וועט מיר דערקלערן,
וואָס הייסט עס געוויסן?
די פּריַיז פונעם וואָרט,
זיַין באדיַיט און זיַין טיַיטש...

— גערויסן
ער האָט מיר די אפּלען געריסן,
דאָס לײַב מיר געשטאָכן,
דאָס הארץ מיר צעבראָכן —
און איך האָב דאָס וואָרט
אפּדאָסנײַ זיך פארטײַטשט:
— הארגע א דײַטש!

הארגע!
און ריין וועט דאן זײַן דער געוויסן,
הארגע!
און ס'וועט דיך דײַן מוטער באגריסן,
הארגע!
און ס'וועלן די שוועסטער דיך לויבן,
הארגע —
בארעכטיק דאָס האָפן, דעם גלויבן
פון יענע, וואָס האָבן ס'געווער דיר פארטרויט;
הארגע!
דײַן קינד זאָל ניט וויסן פון טויט...

פּאָשעט און איינפאך?
ניין. טויזנט מאָל ניין!
דאָס האָב איך דערפילט אינעם קריצן פון ציין.

3

אויב עמעצער זאָגט בא א ווארעמער קויסע,
אז ער איז געגאנגען מיט א שמייכל אין שלאכט —
שפּײַ אים אין פּאָנעם, טרײַב אים ארויסעט,
איינס פון די ביידע — ער לײַגט, צי ער לאכט.

לײַגן פֿאַרווער אים און שפּעטן פֿאַרווער אים
אין נאָמען פֿון די, וואָס וועגן כ׳רעד וועגן זיי,
גלוסט זיך מיר אויסרופֿן:
— אופֿשטיין, כאַווײרים!
באַערט זייער אומקום מיט שטאָלץ און מיט וויי...

4

אויב עמעץ וועט קומען און וועט זיך באַרימען,
אַז דאַן איז ער פֿריילעך און רויִק געוועזן —
איז דאָס אַ ליגן, איז דאָס אַ סימען,
אַז ער איז זײַן היימלאַנד געטרײַ ניט געוועזן;
אַז ער האָט פֿון קריג
ניט געהערט,
ניט געזען;
אַז ער האָט פֿאַרגעסן זײַן כּוֹיווד
און זײַן פֿליכט —
אַ בלינדער,
וואָס ווייסט ניט די פֿרײַז פֿון דער ליכט,
אַ שטומער,
וואָס ווייסט ניט די ווערט פֿון אַ קלאַנג,
אַ טײַכל, וואָס טריקנט,
אַ ביימל, וואָס צאַנקט...

סטאַלינגראַד. 1942

ראקעטעס

פליִען קוילן,
לויכטן קוילן
זאלבעדריט און סטענגעסוויַיז...
ווערן הימלען אויסגענייט,
און די סטענגעס — קווייט צו קווייט—
בליִען בונט און שלענגלען זיך.

פלוצעם טוט א פלי ארויס
העט צו די פלאנעטן,
ווי א דראָענדיקע פויסט,
רויט און בלענדיק, ווי א דויז,
א סיגנאל-ראקעטע.

ס'איז פאר מיר,
איך וויים געגוי,
די סיגנאל-קאָלירן...
וואָס הייסט גרין און וואָס הייסט בלוי,
וואָס הייסט העל, ווי זומער-שטרוי —
כ'וועך ניט מיד צו שפירן.

ס׳איז די ערשטע נאָך דערווײַל,
הײַנט באַדײַט זי: אכטונג!
ביז צום סוינע איז איין מײַל,
שטענדיק גרייט, נאָר ניט געײַלט
וואַרט איך אַפ מײַן שלאַכט-וועג.

הייס פאַרזידט אין מיר דאָס בלוט —
שווער צו זײַן געדולדיק.
פון איין שלאַכט ניט אָפּגערוט —
אין אַ צווייטן — זייער גוט!
כ׳בין דעם סוינע שולדיק:

טויזנט קוילן, אויב ניט מער,
צענדליקער גראַנאַטן —
פאַר מײַן טאָכטערס הײסער טרער,
פאַר דעם ווײ פון אונדזער ערד,
פאַרן זיפץ פון טאַטן.

גיכער, גיכער פּלי אַרויס,
ניט פאַרהאַלט דעם וויכער!
ס׳איז שוין גרייט מײַן האַרץ, מײַן פויסט,
און מײַן שווערד כ׳האָב שוין אַנטבלויזט —
איז אין שלאַכט! און גיכער!

מיוס-טײַך, 1943.

אינ דערוואַרטונג

מיר ווייסנ שוינ:
ווענ ס׳וועט די זונ פאַרגיינ
אונ אינ די בערג וועט ווידער טונקל ווערנ;
ווענ איבער הויכנ באַרג,
וואָס שטייט אפ אונדזער וועג,
וועט אופגיינ א ראַקעטע ווי א שטערנ,
דער צווייטער ווזוואָד
וועט לאָזנ זיכ אפ לינקס,
דער פערטער גייט אפ רעכטס, אונ מיר —
אונ מיר — דער ערשטער אונ דער דריטער —
מיר לאָזנ זיכ פאָרויס.
אונ וואָס ס׳זאָל דאַרט ניט זייַנ —
א פייַער־פאָרהאַנג צי א בלייַ־געוויטער —
מיר מוזנ דורכברעכנ די שווערסטע וואַנט,
אז מאָרגנ אינעם האַרבסטיקנ באַגינענ
זאָל זיכ צעפלאַטערנ די רויטע פאָנ
איבערנ באַרג, ווו יונגע סאָסנעס גרינענ.

ס'פארגייט די זון...
און אָט איז שוין די נאכט
אראָפּ אַפ די קארפּאטער בערג און טאָלן.
דער הימל — שווארץ.
געהיימניספול דער וואלד...
ווען וועט זיך אָנהייבן באַם סוינע די בעהאָלע?
ווען וועלן מיר —
דער ערשטער און דער דריטער —
זיך לאָזן בארג-ארופּ
דורך פײַער און דורך נאכט?
מיר זײַנען וואך,
מיר ווארטן אַפן שטערן,
אַפ אָט דעם לויכטנדיקן אָנזאָג פון א שלאכט.

אָ, ווען דו ווייסט,
מײַן ווײַטער פרײַנט,
ווי שווער ס'איז דעם סאָלדאט
דאָס ליגן אין טראנשייען...
דאָס ווארטן שווערער איז
פון קריכן אַפ א פעלדז,
פון ראנגלען זיך אין שנייִיקע זאווייען...

קארפּאטן, 1944

פאַרן דונער

די שוואַרצאַפּלען דײַנע — פֿול מיט שלאָף,
ווי מיט נעפּל ווערן זיי פֿאַרצויגן.
ס׳האָט איין מידקייט זיך אַראָפּגעלאָזט דײַן קאָפּ,
און ס׳קלעפּן זיך בײַ דיר צונויף די אויגן.
איך וועק דיך אויף און זאָג דיר: ברודער, הער,
הער זיך אײַן אין שטילקייט פֿון באַגינען.
ס׳איז שווער, ס׳איז שווער, ס׳איז זייער שווער,
שווער ביז צו אַראָפּ פֿון זינען
זיצן דאָ און וואַרטן האַרט בײַם וועג,
נאָר באַלד וועט זיך דער סוינע דאָ באַווײַזן,
און באַלד וועט זיך פֿאַרקניפּן אַ געשלעג,
אַ ראַנגלעניש פֿון פֿײַער, בלוט און אײַזן.
עס גייט שוין אויף די זון.
זע, דאָרט אונטער די קרומע צווײַגן
האָט באַוויזן זיך אַ רויטער פּאַס...
ס׳וועט באַלד זיך ענדיקן דאָס וואַרטן און דאָס שווײַגן,
און ס׳וועט אַ דונער געבן אונדזער האַס.

אוזשגאָראָד. 1944

אינ פעלד

דאָס פעלד ארום — צעגראָבנ אונ צעאקערט
מיט הייסנ שטאָל,
וואָס דורכ דער פינצטער פליט...
א סקירדע שטרוי באמ ראנד פונ הימל פלאקערט,
אונ פונקענ לעשנ זיכ,
ווי פײַער-צוויט.

אָט פליט אפ אונדז א שטיקל שטאָל צעגליטע,
גרויס ווי א דיניע,
העל אונ רײַפ.
מיר ענטפערנ מיט פײַערדיקע ריטער,
מיט א געווי,
מיט א געפײַפ.

דאָנבאס. 1943

א שטאָל

אַן אַלטע שטאָל. אַן איינזאַמע, אַ פּוסטע,
פיר לעכעריקע ווענט, אַ בוידעם אָן אַ דאַך —
און דאָך איז היימלעכער ווי אַפן ברוסטווער,
און דאָך איז רויִקער ווי אינעם שלאַכט...

ווער האָט עס אויסגעטראַכט, אַז מיר, סאָלדאַטן,
פאַרגעסן וועגן שפּייַז און וועגן שלאָף?
מיט פייַער שפּייַען אין דער נאַכט האַרמאַטן,
עס דונערט אַרום און דער אופּרייס-שטאָף;

נאָר דאָס איז שוין געוואָרן אַ געוווינהייַט:
ניט יעדער שאָס טראָגט מיט זיך דעם טויט...
עס ווערט אַ שטאָל פאַרוואַנדלט אין אַ וווינונג,
אויב שלאָפסט אין איר און נעמסט אַ ביסן ברויט.

און ביז מע איז אינצווייען, איז מען זיכער,
אַז די געפאַר איז גאָר ניט אַזוי גרויס.
און גרינגער ווערט דער שווערסטער וויכער,
ווען קעגן אים מע גייט באַנאַנד אַרויס.

און כ'הייב זיך אויף און הער זיך איינ-צום דרויסן.
עס קלאָגט דער ווינט, און ס'קרעכצט פון שטאָל די וואַנט.
ווי שטענדיק שייַנט די בעריכע די גרויסע —
און פול מיט סוידעס איז דער שטערן-זאַמד...

קאַלמיקער סטעפּעס. 1943

הימל און בארג

אוועק איז די נאכט, און עס קומט דער באגינען
מיט שניי, און מיט פראָסט, און מיט גרויזאַמער שטילקייט.
פארנעפּלטע בערג שפּארן אָן זיך אין הימל —
אונדזער וועג שפּארט זיך אָן אין א בארג.

קיין טאנק וועט אהער ניט ארופגיין — מיר ווייסן:
צו הויך איז דער בארג און צו שמאָל זײַנען וועגן...
מירן קיין הילף ניט באַקומען פון הימל —
געדיכט איז דער נעפּל, וואָס הענגט אפן בארג.

פון רעכטס און פון לינקס — שווארצע אָפּגרונטן טיפע,
און צוויי הונדערט מעטער פון אונדז — די דײַטשן.
איז איידער ס'וועט אָנהייבן רעג'נען דער הימל
מיט פײַער — מיר מוזן אים נעמען, דעם בארג.

נאָר מיר און מער קיינער! מיר ווייסן, מיר ווייסן...
ס'איז גרייט דאָס געווער און דאָס הארץ און דער ווילן,
און ס'נאָגט אונדז די שטילקייט, וואָס טריפט פונעם הימל,
און ס'רייצט אונדז דער גליווער פון דיזיקן בארג.

א שאָ צי א רעגע? אָ, ווער וואָלט אונדז זאָגן,
ביז וויפל דאָס ווארטן? ווען וועט זיך צעהילכן
דער מעכטיקער קאָל, וואָס קאָן שפּאלטן דעם הימל,
דאָס פייער פון הערצער, וואָס נעמט איין א בארג?!

איין וואָרט מיר באדארפן. איין וואָרענונג — אכטונג!
און ס'וועט זיך צעפּראלן די גרויזאמע שטילקייט,
און ס'וועט אונדז באגריסן די הויכקייט פון הימל,
און פלאטערן וועט אונדזער פאָן אפן בארג.

קארפאטן. 1945

ווי עס געשעט

ווי דאָס פלעגט אויסזען, ווי דאָס פלעגט געשען —
פארשפאָרסטו פרעגן. ווער וועט דיר דערציילן
פון דעם סאָלדאט, וואָס גייט דעם טויט אנטקעגן
און גאָר פארגעסט, אז מעגלעך, ווען-ניט-איז
וועט אויסקומען דערמאָנען זיך גענויער
אין דער מינוט. דו פרעג בא מיר, און איך
וועל דיר דערציילן אלץ, ווי עס געשעט.
עס טוט א הייב פון שטיינערדיקער גרוב,
און יעדער רעגע קלענער ווערט און קלענער
די שטרעקע, וואָס געווען איז צווישן אונדז
און די, וואָס ווארטן דאָרט אפ אונדזער פייער.
מיט יעדער שפאַן ווערט נעענטער דער טויט —
ער ווארט אפ אונדז אין סוינעס קאלטע רערן...
ס'הערשט איבער אלץ דער איינציקער באגער —
פארגיכערן דעם לויף, און אז די קויל,
וואָס שיקן וועט מען, לויפנדיק, דעם פיינט,
זאָל טרעפן, טרעפן, טרעפן איידער
ער וועט באוויזן אויסשיסן אין אונדז.
אויב ניט... אויב ניט? עס קאָן ניט זיין, אויב ניט,
מע דארף, מע מוז, מע קען.

און ס'איז פון אונדז, פון אונדז אליין געוועגדט,
ווער פאלן וועט. און ס'טוט א שלאָג דער שווייס,
א קאלטער שווייס, און מע פארפרעסט די ציין...
איז ווילסטו — גלייב,
און גלייבסטו ניט, איז זע.
דער בעסטער איידעס איז מײַן ביקס —
זי ז'מיטן סוינעס בלוט באדעקט...

מוקאטשאָווא. 1944

צום שווארצן יאם

דרײַ טעג און דרײַ נעכט איז געגאנגען א רעגן,
געוואָרן צעווייקט זײַנען סטעפּישע וועגן.
עס שטייען מאשינעס פארזונקען אין בלאָטע.
פארטײַעט אין שוצגראָבנס ליגט די פּעכאָטע,
פארשטעלט איז דער הימל,
פארנעפּלט די ערד,
נאָר כ'הער, ווי עס הירזשען אין באלקע די פערד,
און ליכטיקער ווערט אפ מײַן הארצן —
ניט ווײַט איז צום יאם צו דעם שווארצן.

באנאכט איז דער הימל צעשטערנט געוואָרן,
און איך האָב דערהערט דעם געזאנג פון א האָרן —
א שטילער געזאנג, נאָר ער הייבט עסקאדראָנען,
ער לײַכט אין דער פינצטער ווי ליכטיקע פאָנען.
צעשטערנטער הימל,
צעפלאָסענע ערד —
איר הערט, ווי עס הירזשען געזאָטלטע פערד —
אז ליכטיקער ווערט אפ מײַן הארצן —
מיר גייען צום יאם צו דעם שווארצן!

די זון ניט אימשטאנד איז דעם נעפּל צערײַסן...
נאָר רײַטער פאַרשפּאַרן די פערד אונטערשמײַסן —
זיי גייען אָפּ דאָרעם, זיי פליִען גאַלאָפּ
מיט שטאָלץ און מיט ווירדע פאַריסן דעם קאָפּ.
עס ציטערט דער הימל,
עס פּלאַצט אויך די ערד,
עס פאַלט אויך אַ פינע פון מויל בײַ די פערד.
און ליכטיקער ווערט אָפּן האַרצן —
ניט ווײַט איז צום יאַם צו דעם שוואַרצן!

דאָן, זומער 1943

מיר האָבן אינצווייען...

מיר האָבן אינצווייען א שוצגראָב געגראָבן,
א שוצגראָב געגראָבן.
געשוועבט איבער אונדז האָבן ווינטן און ראָבן —
נימעסע ראָבן...
מיר האָבן אינצווייען מיט שוויס זיך באַגאָסן,
מיט שוויס זיך באגאָסן,
און איינער פון אונדז איז געפאלן דערשאָסן —
אין הארצן דערשאָסן.
כ'וועל אייביק דערמאָנען זיַין ליכטיקן נאָמען,
זיַין ליכטיקן נאָמען,
ביז כ'לעב און ביז כ'אָטעם כ'וועל נעמען נעקאָמע,
א פיַיער-נעקאָמע.
נאָר וויפל כ'וועל לעבן, עס וועט זיך מיר דאכטן,
עס וועט זיך מיר דאכטן,
א העלפט פון זיַין הארץ האָט געשענקט מיר
דער שלאכטמאן—
מיַין כאווער דער שלאכטמאן,
וואָס איז צוליב מיר אפן ברוסטווער געפאלן,
א טויטער געפאלן,

אז מיך זאָל די זון נאָך באשענקען מיט שטראלן —
מיט גאָלדענע שטראלן.
מײַן כאַווער איך האָב לעם א דערפל באַגראָבן,
אין שוּצגראָב באַגראָבן,
נאָר ס'לעבט אין מײַן האַרצן דער קראַ פון די ראָבן
דער קראַ פון די ראָבן.

דאָנעצ, 1942

רעגנס

א. אוםווינטער א רעגן

אוי, ווען דו ווייסט, וויפל אײַזערנע קלאָלעס
שוועבן איצט אום אף די פּראַנטישע וועגן...
און ניט ווײַל ס'דערמאָנט זיך דאָס גוטס, דאָס אמאָליקס,
ניין! ווײַל אום ווינטער עס כליופּעט א רעגן.

עס כליופּעט א רעגן אף בערג און אף טאָלן,
ס'פּלייצט פונעם הימל א פּארטיקע בלאָטע...
פון לאנגע שינעלן פּארקאטשעט די פּאָלעס,
שפּאנט אינעם פּלייצ אונדזער גרויע פּעכאָטע.

גרוי ווי דער הימל, וואָס ווערט ניט געלײַטערט,
מיד, נאָר אקשאָנעסדיק, מיד און אין קאס.
ווערסט ניט צעלייגן אין פעלד דאָ א שײַטער —
ס'איז שוין דאָס וועש און די אָנעטשע נאס.

כ'קלאָג זיך ניט, כ'בעט ניט קיין מיטלײַד בא קיינעם,
שווײַגנדיק קנעט איך די בלאָטע און גיי...

נאָך שווערער וואָלט זײַן, ווען איך בין ניט אינײנעם
מיט די, וואָס מארשירן אין פֿאָדערשטער רײ.

אוי, ווען דו ווייסט, וויפל אײַזערנע קלאָ̈עס
שוועבן איצט אום אף די פראָנטישע וועגן...
אמאָל פלעגט מען זאָגן: לאנג ווי דער גאָלעס,
און איך זאָג איצט:
לאנג ווי אום ווינטער א רעגן.

סטאלינגראד. 1942

ב. אין שוצגראָב

א זון מיט א רעגן,
א זון מיט א רעגן,
ס׳געפעלט מיר די שפּיל —
נאָר צעווייקט ווערן וועגן.
עס וויל די מילכאָמע
פון גאָרניט ניט וויסן —
מיר ליגן אין רעגן
און שיסן און שיסן.
עס האָט אונדז אזוי
דער געוויסן באפוילן,
מיר ליגן אין שוצגראָב
אזוי ווי אף קוילן.
א טאָג, אז מע נעמט ניט
קיין טראָפּן, קיין ביסן,
און ביקסן — זיי ווילן
פון גאָרניט ניט וויסן.
אכ, רעגן, דו רעגן,
גו הער אוף צו גיסן...
מיר ליגן אין שוצגראָב,
מיר ווייקן און שיסן.

סטאַלינגראַדער קאַנט. 1942

ג. האַרבסטיקער דעמער

האַרבסטיקער דעמער,
האַרבסטיקער דעמער,
ס'כליופּעט אַ רעגן
ווי פון אַן עמער.

אויף מיזרעך און מײַרעוו,
אויף צאָפן און דאָרעם —
גאָטישע צלאָמים
און דײַטשישע קוואָרים.

דײַכע בעסאַלמענס,
אַרייִשע צווינטערס —
דאָס איז די אַרבעט
פון פאַבריקע ווינטערס.

איצט גייט אויף מײַרעוו
אַ ווינטער אַ נײַער,
שפּרײַז, מײַן נעקאָמע,
מיט שטאָל און מיט פײַער.

שווער איז אין בלאָטע
דעם זעלנער צו גיין...
נאָר איך בין ניט איינזאַם,
מיר זײַנען אינצווייען.

אינצווייען, אינדרײַען —
מיט האס און מיט סינע
כ'וועל צאָלן דעם סוינע
פאַר מײַן אוקראַינע.

האַרבסטיקער דעמער,
האַרבסטיקער דעמער,
ס'כליופּעט א רעגן
ווי פון אן עמער.

מאַניטש, 1943

ד. א שניי מיט א רעגן

א שניי מיט א רעגן,
און פלוצעם א פראָסט,
און ס׳זײַנען די ביימער
געוואָרן פארגלאָזט.

דערנאָך האָט די זון זיך
צעשײַנט און צעשפּילט —
דער גלעזערנער סאָד
איז געוואָרן באגילדט.

פארהילט דער ארום איז
מיט פראָסט און מיט שווײַגן,
נאָר פלוצעם צעקלינגען זיך
גלעזערנע צווײַגן.

און ס׳טוט זיך א הייב
די פארקאָוועטע ערד —
זעט אויס, אז דערווײַל
איז מיר לעבן באשערט.

7—2454

ס׳איז נעבן געפאלן
א שווערער סנאריאד...
איך קוק זיך ארום —
ניט געדירט, ניט געשאדט...

און ווידער ווערט שטיל.
דורך א טרער כ׳זע דעם פּראָסט
אינעם סאָד, וואָס איז נעכטן
געוואָרן פארגלאָזט.

מעליטאָפּאָל. 1943

ס׳וועט דורכ די נאכט

ס׳איז דורכגעגאנ א זומער אונ א הארבסט —
אנ ערשטער, אונ א צווייטער, אונ א דריטער...
דו האָסט שוינ טויזנט מאָל געמיינט: דו שטארבסט,
נאָר ניינ! דו לעבסט אונ כאפּסט באנאכט א ציטער.

ניט קיינ קאנאָנענ-הילכ, ניט קיינ אליארמ-געוויי,
כאָטש ס׳איז דער סוינע נאָענט, זייער נאָענט...
ס׳איז נידעריק דער הימל, מעשונע-גרוי,
אונ ס׳בלאָזט פונ יאמ א ווינט פונ סאמע אָוונט.

קיינ דאכ, קיינ דעכעלע נישטאָ — אלצ אויסגעברענט,
ווענ דו ביסט איינזאמ — וואָלסטו זאָגנ: וויסטע...
די קאלטע ביקס, וואָס טראָגסט אינ דײַנע הענט,
מוז שווײַגנ — האָסט קיינ רעכט א שיס טאָנ.

איז אפּנ הארצנ — פרעג ניט, סײַוויסײַ
קיינ שווערנ וואָרט וועט קיינער דיר ניט זאָגנ.
מע ליגט, מע ווארט, עס זאָל זיכ לײַטערנ דאָס בלײַ,
עס זאָל שוינ אָנהייבנ אפ מיזרעכ טאָגנ.

ס׳וועט דורכ א נאכט... די וויפּלסטע? באשטימט
האָסט זיכ אינ כעזשבנ שוינ פארפּלאָנטערט, כאווער...
פונ הימל פאלט א שטערנ, אונ דער צאָפנ־ווינט
פארשיט אימ אינעם סאָד מיט פייַכטנ בלעטער־זשאווער.

ס׳איז דורכגעגאנ א זומער אונ א הארבסט —
אנ ערשטער, אונ א צווייטער, אונ א דריטער...
דו האָסט שוינ טויזנט מאָל געמיינט: דו שטארבסט,
נאָר ניינ: דו לעבסט! אונ אונדזער סוינע — ציטערט.

קרימ, אפּרעל 1944

(מײַן ברודער דאָדיקס ליכטיקן אָנדענק)

כ׳וועל אָפּצאָלן!

אין שווערסטן שלאַכט פאַר אונדזער מאַמע-ערד
כ׳האָב זיך דערוווּסט, אַז דו ביסט אומגעקומען.

ווי מע וואָלט צוגעשטעלט אַ שאַרפע שווערד
צום האַלדז, ווי ביידע הענט מע וואָלט מיר אָפּגענומען.

דער הימל איבער מיר געווען איז אויסגעשטערנט,
נאָר ס׳ערשטע מאָל האָב איך דערפילט:
אָן דיר, אַליין איך קוק אָפּ אָט דעם סוידיעסדיקן ווימלען
אין דער אומענדלעכקייט פון טיפע הימלען,
אין דער אומשטערבלעכקייט פון אונדזער ווּנאָם
ביסטו אַוועק, דעם צוויטן צענדליק יאָר נאָך ניט פאַרענדיקט.

כ׳פאַרפרעס די ציין. זאָל זײַן מײַן וויטעק שטום,
לעב ווי אַ ליד באַ מיר אין האַרצן שטענדיק!
באַגלייט מיך, ברודער, אין די שלאַכטן אומעטום —
דו ביסט מײַן פאָן,
ביסט מײַן געוויסן
און מײַן רום!

קאַרפּאַטן, 1944

ניט ווײַט פֿונעם באַרג סאַפּונ[1]

איר האָט געזען, ווי ס׳וויינען רויטאַרמייער
אויסגעהאָרעוועטע, מידע פֿונעם שלאַכט?
איר האָט געהערט, ווי ס׳שווערן רויטאַרמייער
און ס׳דונערט אָפּ די שבֿועה אין דער נאַכט?

כ׳בין בײַגעווען אַף איינער אַ לעוויע
ניט ווײַט פֿון אונדזער זיג באַם שוואַרצן יאַם.
אָ, ניט פֿון זונפֿאַרגאַנג איז קעגן אונדז אַף מײַרעוו
די שטאָט געווען פֿאַרהילט אין פֿײַער-פֿלאַם.

אַ קינד באַוויינט ניט אָט אַזוי זײַן מאַמען,
ווי ס׳האָט באַם קייווער דאָ געוויינט אַ ווזוואָד.
אין אונדזער ראָטע און מיט מיר צוזאַמען
ער איז געגאַנגען אײַננעמען די שטאָט.

ער איז געפּרוווט געווען מיט שטאָל און פֿײַער,
נאָר ס׳איז מיסטאַם אים ניט געווען באַשערט
דערגיין צום סאָף, כאָטש ס׳איז געווען אים טײַער
אַ יעדער שפּאַן פֿון אָפּגעקעמפּטער ערד.

---

1 סאַפּונ — איינער פֿון די בערג אונטער סעוואַסטאָפּאָל, וווּ ס׳איז געווען אַ בלוטיקער שלאַכט קעגן די דײַטשן אין 1944 יאָר.

דאָרט, ווו דער שלאַכט ז׳געווען, ניט אפ קיין צווינטער,
איז דאָ א בערגעלע — א קייווער פון א העלד.
א רעגנדיקער הארבסט, א שנייעדיקער ווינטער
צעשווענקען וועט דאָס בערגל אפן פעלד.

נאָר ניט פארגעסן וועלן מיר די רעגע,
דאָס אָרט דאָס הייליקע אונטער דער זון,
ווו מיר האָבן מיט אים זיך אָפגעזעגנט,
ניט ווײַט פון יאַם,
אונטערן בארג סאַפּון.

זומער 1944

דער דאָט

פראגמענטן

ווען ס׳האָט דער פרימאָרגן זיך צעבלויט,
האָבן מיר געוונומענע קוילן, ברויט.
און זיבן — זיבן און ניט מער, —
וואָס ווייסן שוין, וואָס גרינג איז און וואָס שווער,
האָבן אין א קייטעלע
געלאָזט זיך צו דעם דאָט
מיט שטילן טראָט.

אך, ניט שטענדיק שמעקט אזוי דער וואלד!
עפשער ווייל באנאכט ז׳געווען א רעגן,
הערט מען ניט אפילע, ווען עס פאלט
א טרוקן צווייַגעלע...
קיין שטעגן און קיין וועגן —
קיין מענטשן האָבן אים נאָך ניט באטראָטן.
געדיכט און סוידעספול דער וואלד
און ווייסט ניט פון קיין ליכט,
קיין שאָטן...
. . . .

און אָט איז שוין דער דאָט.
ער שטייט,
געזונט — א גוואר!
ער מיינט:
קיין דונערס און קיין בליצן
וועלן ניט אימשטאנד זײַן רירן אים פון אָרט.

ארום איז שטיל —
מע הערט א גריל.
ארום איז טאָל —
און ער, דער בארג, איז אויבן,
ער איז דער באלעבאָס פון דעם ארום,
ניט בלינד,
כאָטש ביז עס לוינט אים — שטום...

אך, ס'ארא נאכט!
זי האָט אראָפּגענידערט
צוזאמען מיט די פויגלען —
שטיל און מיד
צעשפּרייט די פליגל אין דער גרינער נידער,
פון קיינעם ניט באוואכט,
פון קיינעם ניט באהיט...

. . . .

מיר האָבן דאָרטן קיינעם ניט געטראָפן.

. . . .

מיר זײַנען אלע ניט געשלאָפן,
געשוויגן און געאָטעמט שווער.
און ער —
דער אכצניאָריקער סאפּיאָר

מיט הענטלעך קלײַנדיקע, קליינע,
און הימל-בלויע אויגן קליינע,
און מיט א הארץ, וואָס פילט א סאך,
וואָס איז געוווינט זײַן שטענדיק וואך —
ער האָט זיך פלײַסיק אײַנגעהערט
אין גליווער פון די ווענט,
אין אָטעם פון דער ערד...

ווי בלינדע האָבן מיר געפּאָרשט די וואנט,
ווי א פארוווּנדעטער באטאפּט די ווונדן
מיט דער געראטעוועטער גאנצער האנט.
קיין שוועבעלע, קיין ליכט ניט אָנגעצונדן,
פארפרעסט די ציין
און אָנגעשטרענגט דעם אויער,
געזוכט אין וואנט א קנייטשעלע,
א נאָט,
א פאלד...

צעטראָגן וועט דער וואלד
דעם בראָך, אז אומגעקומענע זײַנען מיר, די זיבן?..

ס'האָט אונדזער אכצניאָריקער סאפּיאָר
געזוכט, געגישטערט ביז קאיאָר,
זיך פלײַסיק אײַנגעהערט
אין גליווער פון די ווענט,
אין אָטעם פון דער ערד.
און האָט דערהערט:
— טיק-טאַק, טיק-טאַק. —

Государств библиотека
КНИГООБМЕН
СССР В. И. Ленина

אין גלאַנץ פון אויגן זײַנע,
אינעם פלאַטערן פון זײַנע הענט
מיר האָבן אַלע גלײַך דערזען,
מיר האָבן אַלע גלײַך דערקענט:
געפּאַקט דאָס שנירעלע,
געפּאַקט!

— דו סוינע, האָסט אומזיסט מיט אומגעדולד, מיט ציטער
געוואַרט אַף דער מינוט,
ווען דו וועסט קאָנען אויסשרײַען:
— קאַפּוט! קאַפּוט! —
ס'איז ניט געשען!

. . . .

מיר האָבן זי, די פײַער-נעסט,
פון וואַנט אַרויסגעריסן,
פאַרוויקלט זי אין איינעמס אַ שינעל,
פון דאָט אַרויס פּאָרויס
אַנטקעגן סוינע.

און כאָטש אַרום איז פינצטער נאָך געווען,
נאָר יעדערער פון אונדז האָט גוט געזען,
ווי בונט, ווי העל
ס'גייט אויף די זון פון אונדזער רום,
און זי איז דאָך די טײַערסטע באַלוינונג.

. . . .

ס'איז דורך אַ טאָג, און צוויי, און דרײַ,
ווי פריִער זײַנען מיר געטרײַ
דעם קאָמאַנדיר, וואָס פירט אונדז ווײַטער,
כאָטש אָפּטער ווערן מיר איצט מיד,

און ווען עס ווערט צעלייגט א שײַטער,
ז׳ניט צוליב אופזידן א קעסל טיי.

ס׳איז שוין א וואָך,
אז קיינער ווייסט ניט, ווו מיר זײַנען...
קיין ברויט, קיין וואסער,
און פון אלע זײַטן — סאָנים...
עס שווײַגט די ראדיאָ, און שטילערהייט
מיר טראכטן יעדערער —
פון ברויט און פון פאטראָנעס.
פון אונדזער דאָט
אונדז טיילט שוין אָפּ א בארג.
צופוסנס לויפט א ריטשקעלע,
וואָס בלישטשעט אין דער פינצטער...
. . . .
אָ, ניט אומזיסט,
אפּ דעם אכטן גאנצפרי,
ווען מיר זײַנען ארויס
פונעם וואלדישן פלאָנטער,
האָט מיט א שמייכל דער עלטסער דערמאָנט אונדז,
אז ער האָט אליין מיט א שטיין אויסגעקריצט
אפּ דער וואנט פונעם דאָט אונדזער טײַערסטן נאָמען...
ווי אייביק דער בארג איז,
ווי לויטער די שטראָמען,
און פונקט ווי די זון ווערט ניט מיד אין איר גאנג,
זײַן ווילן — אומענדלעך
און ברייט זײַן געדאנק.
. . . .

מיר האָבן אויסגעטאָן די העמדלעך,
צעלייגט א פײַער און געהערט,
ווי פונעם בוים א צווײַגל פאַלט
און ווי עס רוט די ערד.

טשעכאָסלאָוואַקיע, 1945

בא טאָדאָס איוואַנטשענקאָ

זי האָט מיר איר בעט אָפּגעטראָטן.
א ציכטיקע רעדנע פּארשפּרייט,
א קעסעלע מילך אופגעזאָטן
און ווידער געזיפצט שטילערהייט.

— וואָס זיפצסטו אזוי, באלעבאָסטע? —
האָב איך זי מיט מיטלייד געפרעגט.
— מיין שטוב שטייט א ניט פארגלאָזטע,
דער דאך אפן שטאל ניט געדעקט... —

און איך האָב געוואָלט זי טרייסטן,
אז קומען וועט איר באלעבאָס...
— יאָ, זאָג מיר נאָר אגעוו, ווי הייסט ער?
— איוואַנטשענקאָ הייסט ער, טאָדאָס.

א גוטער, א שטילער, א מילדער,
און האָט א פּאָר גאָלדענע הענט... —
זי האָט מיר באוויזן זיין בילדל,
און כ'האָב מיטאמאָל אים דערקענט:

איוואַנטשענקאָ! דעם, וואָס ערשט נעכטן
מיר האָבן פֿאַרלוירן אין שלאַכט.
אָט דאָ אין דער שטוב, ווו איך נעכטיק,
האָט ער זײַן לעבן פֿאַרבראַכט...

און כ'ווייס שוין ניט, וואָס זאָל איך זאָגן
דער מילדער, דער האַרציקער פֿרוי,
וואָס איז פֿון איר בענקען און קלאָגן
געוואָרן אי אַלט אי גרוי.

עס האָט מיך געריירט ביז טרערן,
און רוען כ'האָב מער ניט געקאָנט.
באַנאַכט בײַ דער שײַן פֿון די שטערן
מיר זײַנען אַוועק אױפֿן פֿראָנט.

אונטער קאַכאָווקע, 1944

ניט ווי אַמאָל

ווי אָפּט מיר פּלעגט די איינזאַמקייט געפעלן.
ווי כ׳פּלעג מעקאַנע זײַן, ווי כ׳האָב געוואָלט
אוועק אין וואַלד, וווּ ס׳שיט זיך לויטער גאָלד
פון דעמבן האַרבסטיקע;
וווּ שלאַנקע יעלן
שטאָלצירן מיט דער אייביק גרינער קלייד,
און אַלץ אַרום צום ווינטער ווערט אַנשוויגן.
ווי ליב דערהערן איז געווען אַ צויבער-ניגן,
ווען ס׳פּלעגט אַ פויגל זינגען שטילערהייט.

נאָר ציַיטן בייַטן זיך. כאַדאָשים, יאָרן פליִען,
און מיט אַ שמייכל איך דערמאָן די טעג,
ווען צו דער איינזאַמקייט עס פלעגט מיך ציִען,
ווען כ׳האָב געזוכט צו איר אַ קורצן וועג.

געווען איז לאַנג דער וועג — מעשונע לאַנג!
פון לוואָוו ביז סטאַלינגראַדער טויער און צוריק...
און ניט קיין צאַרטער פויגלשער געזאַנג
האָט זיך געשפּרייט איבער דער וואָלגער בריק...

קיינ לויטער גאָלד, קיינ אייביק גרינע יעלנ —
פארברענטע שטעט אונ דערפער, סרייפעס, כורוועס,
אונ ווײ, ווי שווער ס׳איז פלוצעמ ווערנ עלנט —
ווי איבער פריסיק אומצובלאָנקענ באָרוועס.

ווי שווער, ווי שוידערלעכ צווישנ דעמ געוווי פונ מינעס
געוועננ איז בלײַבנ נאָר מיט זיכ אליינ.
אינ שטיקנדיקער לופט פונ גסיסע אונ רויִנעס
געוועננ איז איינזאמקײַט, ווי אפנ הארצ א שטיינ.

אונדז געהער דער מאָרגן

אויב נעכטן איז שלאַכט
און מאָרגן איז שלאַכט,
איז וואָס זשע? באַדאַרף מען זיך זאָרגן?!
דער איקער איז לעבן,
דאָס לעבן איז פּראַכט,
דער איקער איז
לעבן אָן אַ פאַרדאַכט
און איבערלעבן דעם מאָרגן.

ניט ווי אַ באַבעלע נאַריש און בלינד
עס ציט אונדז פון שאָטן צו העלקייט.
מיר זיינען געוואָרן געשולטער אַצינד.
אונדז פעלט ניט קיין קראַפט און קיין שנעלקייט.

ניין, מע באַדאַרף זיך ניט זאָרגן —
אונדז געהער אויך דער מאָרגן!

און ניט ווי אַ וואָרעם, פאַרגראָבן אין כריין,
מיר גאַרן קיין שענערס, קיין בעסערס...
ס'איז אונדזער געוויסן אַי ערלעך אַי ריין.
מיט גסיסע — מיר זיינען אַפ מעסערס!

ניין, מע באדארף זיך ניט זאָרגן —
אונדז געהער דאָך דער מאָרגן!

עס וועט אונדז ניט גרינג זײַן — דאָס ווייס איך גענוי —
אפּסנײַ זיך צעצוויטען, צעוואקסן.
נאָר ניט אינעם אומגיין אין אוילעם-האַטוי,
עס גלײַכן זיך אויסעט די אַקסלען.

ניין, מע באדארף זיך ניט זאָרגן —
אונדז געהער שוין דער מאָרגן!

ווען ס'וואָלט זיך א זעלנער אין שווערער מינוט
פארלוירן, פארלאָזט אפּ א צווייטן,
דאן וואָלטן זיי ביידע אין קײַווער געררוט,
פארקאָוועט אין שאנד ווי אין קייטן...

אויב נעכטן אין שלאכט
און אויב מאָרגן אין שלאכט,
וואָס זשע באדארף מען זיך זאָרגן?!
דער איקער איז לעבן,
דאָס לעבן איז פּראכט,
דער איקער איז
לעבן אָן א פארדאכט
און איבערלעבן דעם מאָרגן!

ראָזלוטש. הארבסט 1944

מיר שפּרײַזן אפ מײַרעוו!

דורך קאַלמיקער סטעפּעס,
מיט באַקאַנטע וועגן,
פאַרבײַ וואָלגער קריַעס,
פאַרבײַ דאָנער ברעגן,
דורך סטאַניצעס פּוסטע,
דורך די דערפער-צווינטערס,
אין די גרעסטע וויוגעס
פונעם שווערסטן ווינטער —
גייען מיר אפ מײַרעוו,
שפּרײַזן מיר אפ מײַרעוו!

ווי ניט שווער דער וועג איז —
ריין איז דער געוויסן!
אָפּגעברענטעביימער
לויפן אונדז באַגריסן.
באַבעשעס פאַרוויינטע,
מאַמעס אויסגעדאַרטע
אונדז אין וועג באַגלייטן:
דאַנקען גאָט — דערוואַרט זיך!

גייט געזונט אַפֿ מײַרעוו!
שפּרײַזט געזונט אַפֿ מײַרעוו!

שאַרפֿער פֿון די שפּיזן
איז אין האַרץ די סינע,
שווערער פֿון די טאַנקען
איז אין האַרץ די סינע,
פֿרײַ זאָל ווערן קיִעוו,
און אָדעס זאָל גרינען,
שײַנען זאָל און פֿרייען זיך
אונדזער אוקראַיִנע —
גייען מיר אַפֿ מײַרעוו,
שפּרײַזן מיר אַפֿ מײַרעוו!

ס׳זײַנען שוין פֿאַריבער
שווערע טעג און וואָכן,
ס׳האָט געגנוג דער צאָרן
אונדז דאָס האַרץ געשטאָכן.
אוי, א סאַך צעשטערט איז,
אוי, א סאַך צעבראָכן,
נאָר קעדיי צו ברענגען
אונדזער פֿאָלק ניצאָכן —
גייען מיר אַפֿ מײַרעוו!
שפּרײַזן מיר אַפֿ מײַרעוו!

דאָנבאַס, 1943

צו די אומגעקומענע

איכ האָב זיכ מיט אײַכ ניט געזעגנט.
איכ האָב אײַכ די הענט ניט געדריקט.
מיט בלײַ האָט דער הימל גערעגנט,
מיט רויכ מיט געדיכטנ געשטיקט;
אונ פּינצטער אונ וויסט איז געוואָרנ
דער טאָג, ווענ מע האָט זיכ צעשיידט...
איכ האָב אײַכ אפּ שטענדיק פארלאָרנ
אונ האָב אײַכ באַווײַנט שטילערהייט!

אוי, ליבע, איר וועט שוינ ניט קענענ,
ווענ קומענ דערצו וועט די צײַט,
מיט נײַע דערהויבענע טענער
באַזינגענ די היימ, וואָס באַנײַט
וועט ווערנ דורכ קרעפּטיקער האַנט.
די זונ וועט די וואָלקנס צעטרײַבנ,
אונ אַלצ וועט מיט רומ זײַנ באַשײַנט.
אָ, איר, ווי די זיגער פונ לאַנד,
וועט אײביק אינ האַרצנ פארבלײַבנ
אַלס זעלנער, אַלס דיכטער, אַלס פרײַנט.

מעליטאָפּאָל. האַרבסט 1943

לעגין

דער דײַטש פּלעגט פּלאַצן אַזש פֿאַר קאַס.
ער האָט געשפּירט נאָך יעדן מויער,
אונ דאָך —
דער אַלטער נאָמען פֿונ דער גאַס
ז'געוועזן אַף יעדער טיר אונ טויער.
די שענסטע גאַס אין שטאָט
ווי הייסט
איז גאָר ניט שווער זיך פֿאָרצושטעלן;
אי האָפֿענונג,
אי שטילע טרייסט,
אונ אַלץ, וואָס פּלעגט אונדז יעדן פֿעלן,
מיר פּלעגן בא דעם נאָמען נעמען.
אונ ס'פּלעגן ווערן קרעפֿטיקער די הענט,
ער פּלעגט אונדז לײַכטן פֿונ די ווענט—
דער שענסטער פֿונ די שענסטע נעמען.

דער פֿײַנט האָט אויסראָטן געוואָלט
דאָס וואָרט, וואָס טײַערער פֿונ גאָלד,
דאָס וואָרט,
וואָס איז אַ קוואַל פֿונ מוט,
דאָס וואָרט, וואָס לעבט
אין אונדזער בלוט —
דעם לויכטנדיקן נאָמען
לעגין.

דניעפּער. 1943

וועגן גרוי ווערן

מע זאָגט, אז גרוי איז דער קאָליר פון שרעק...
איך האָב געזען, ווי שרעקלאָזע און דרייסטע
זײַנען געוואָרן גרוי אַפֿ דעם ניצאָכן-וועג.
דער זיג איז ניט אימשטאנד געווען צו טרייסטן
דעם מענטש, וואָס האָט אזויפיל יאָר
קיין צײַט געהאט צו איבערטאָן די שטיוול,
קיין אָרט געהאט ווו אָנשרײַבן א בריוול —
פון שלאכט אין מארש, פון מארש — אין שלאכט...
נאָר ניט די זעלנער-מי גערוילבערט האָט די האָר,
ניט די געפאר האָט אויסגעקנייטשט זײַן שטערן.
דאָס טראכטן האָט אים אזוי גרוי געמאכט...
אך, ווען ער וואָלט געקאָנט פון ווײַט דערהערן
א גרוס פון זײַניקע... נאָר ער האָט גוט געוווּסט —
זײַן ליבע היים איז וויסט און פוסט —
קיין ווײַב, קיין קינד, קיין מאמע און קיין שוועסטער —
מע האָט זיי אלעמען דערטרונקען אינעם דניעסטער...
און זייער גרויל, און זייער לעצטע שרעק,
און זייער זײַ-געזונט אין דער מינוט פון גסיסע —

זיי האָבן אים געפירט אין דעם ניצאָכן-וועג
און מיט זײַן האַנט געפירט, ווען ער פלעגט שיסן.
ניין, ניט פון שרעק מיר זײַנען גרוי געוואָרן —
זאָל דער סוינע שרעקן זיך פאַר אונדזער האַס און צאָרן.

סלאָוואַקיִע, יאַנוואַר 1945

אוקראַינע

אַף מײַרעוו גייען מיר אַצינד,
אין מיזרעך איז מײַן פרוי און קינד,
נאָר וווּ איך זאָל ניט זײַן — מײַן היים איז
אוקראַינע.
אויב אומקומען איז מיר באַשערט,
איז פאַר דער אוקראַינער ערד —
פאַר מײַן צעבליטער, זוניקער מעדינע.

קיין צווייטע היים כ׳האָב ניט געזוכט!
און יעדן פאַכדן כ׳האָב פאַרפלוכט
און מיט מײַן האַנט אַליין דערשאָסן.
ווײַל פאַרן רעכטן דניעפּער-ברעג
איך האָב דאָך טויזנט פײַער-טעג
אין הייסן שלאַכט
מײַן יידיש בלוט פאַרגאָסן.

אונטער טאַגאַנראָג. 1943

ב. קאָטיק

פון ווײַט

איך האָב זיך הײַנט דערמאָנט
אין שאָ פון אונדזער שיידונג,
בא אײַך איז קורץ די נאכט,
בא מיר איז זי נאָך לאנג...

מיט שטיקנדיקן שטויב
עס שמעקן מײַנע קליידער,
און ס'הענגט איבערן קאָפּ
א שטאָלענער געקלאנג.

איר שלאָפט מיסטאם געשמאק,
פארשיקערט פון סאליוטן,
אײַך כאָלעמט זיך מיסטאם
מײַן זעלנערישע וואָר.

אָ, דאָס, וואָס פליט אדורך
אין כאָלעם פאר מינוטן —
דאָס טראָגן מיר אפּ זיך,
מײַן פרײַנט, דאָס דריטע יאָר...

דזשיעסטער. 1944

דער אָטעם פֿון ערד

פֿון שטײנער און שטויב די שטיוול מײַנע גרוי.
פֿון שטעכלדיקן דראָט פֿארבליבן זײַנען קארבן.
אך, וויפל מאָל וואָלט איך געקאָנט הײַנט שטארבן,
פֿארטויבט פֿון שטיינערפֿאל, פֿארדולט פֿון מינען-ווײ.

נאָר מיר איז נאָך מיסטאמע ניט באשערט
צו ליגן דורכגעקוילט מיט פּאָנעם צו די הימלען.
א לעבעדיקן דארף מיך נאָך די ערד,
אז איך מיט איר און זי מיט מיר זאָל זיך באַרימען.

ווי א סאָלדאט, וואָס קערט זיך אום פֿון שלאכט,
א פֿאל צו דר'ערד, ניט ווײַט פֿון אונדזער ראָטע...
מיר דאכט: איך הער אצינד א שווערן אָטעם,
ווען כ'הער זיך אײַן אין שטילקייט פֿון דער נאכט.

מיר איז באשערט, מיר איז באשערט
זיך אײַנהערן אין אָטעם פֿון דער ערד!

פּוילן, 1945

נעבן מײַן סאָד

קײנ פּײַערל...
בלויז אינ דער שטײענדיקער וואַסער,
וואָס האָט זיך אופגעזאַמלט אפ דער גאַס,
ווי אינ א שפּיגל קוקנ פונעם הימל שטערנ.
נאַכט...
ניט ווײַט פונדאַנענ איז פאַראַנ א סאָד,
ווו כ׳האָב זיך דרײַ מאָל מיטנ טויט באַגעגנט.
ווענ כ׳קוק אפ אים — איך גלײב ניט, אז איך לעב.
קײנ פּײַערל...
בלויז אינ דער שטײענדיקער וואַסער,
וואָס וועט מיסטאָמע פאַרבלײַבנ ביזנ פראָסט,
אנ אַלטער שטערנ פאַלט און ווערט דערטרונקענ.
און איך — פאַרבײַ די סאָסנעס שואַר איך זיך,
אנ אומבאמערקטער
איך קום צום סאָד, ווו כ׳האָב דעם טויט באַגעגנט.
איך קוק אפ אים און מורמל שטיל:
— איך לעב, איך לעב!

מעליטאָפּאָל. האַרבסט 1943

אט זשיִע! (לעבנ זאָל!)

— פאָזאָר [1], פאָזאָר! מוּווי פראהא
(אכטונג, אכטונג, פראגע רעדט!)
און עס הילכט אפ אלע פּלעצער
פונ טשעכאָסלאָוואקער שטעט
דער באפרײַטער, גאָלד-שיינער,
דער גוטמוטיקער און ריינער,
ווי אַ קינדער-טרער,
ווי א זונענ-שטראל —
דעם פאָלקס געוויסנ...

פּאָזאָר, פּאָזאָר — אכטונג, אכטונג...
מיר פארשעלטנ, מיר פאראכטנ
די, וואָס האָבנ אונדז פאראטנ
און פארקויפט זיכ צו דעם פײַנט.
און פונ פולנ הארצ מיר שיקנ
אונדזער פרײַנט
— און אונדזער טאטנ
יאָסיפ סטאלינענ א דאנק
און די שענסטע פאָלקס-באגריסונג.

1 דער אקצענט איז אינעם וואָרט אפנ ערשטנ „אָ".

פּאָזאָר, פּאָזאַר...
און — אט זשיִע! —
אכטונג, אכטונג, לעבן זאָל!

ס'וועט פון פראגע ביז צו קיִעוו
שטענדיק נאָכגייען דאָס קאָל
און די ווערטער צוויי:
אט זשיִע!

פּראָג, 1945

II. צעשטערטע נעסטן

צעשטערטע נעסטן

א

איך האָב געזען, ווי פויגלען פלאַנצן נעסטן,
ווי פלײַסיק, טרײַ זיי טראָגן אין די שנאָבלען
א פעדערל, א גרעזעלע, א טראָפּן בלאָטע;

און מיט א מין געזאַנג — איך האָב אליין געהערט —
זיי מאָכטען זיך צוזאַמען אין דער ענגשאַפט
פון זייער צײַטווײַליקן אייגענעם געצעלט;

איך האָב געפילט, ווי פילן קאָן א מענטש,
וואָס איז פארליבט אין זינגעוודיקער ראַכוועס,
דעם שיינעם יאָמטעוו בא דער פויגלשער מישפּאָכע;

נאָר איך האָב אויך געזען, ווי פויגלען פליִען אָפּ,
פארלאָזנדיק אַפּ העפקער און צעשטערונג
די היים, וואָס טראָפּנווײַז מע האָט געבויט.

נאָר איך האָב אויך געהערט, ווי פויגלען שרײַען,
ווי ס'ווערט מיט יאָמער איבערפולט די לופט —
דעם טרויער־פּאָך פון פליגל כ'האָב געהערט...

סימפעראָפּאָל. מײַ 1944

ב

האָט איר געזען, ווי בא דעם זונפאַרגאַנג
די פויגלען זאַמלען זיך צונויף אַף סימכעס?
האָט איר געהערט דאָס פילדערײַ, דאָס צוויטשען,
דעם נאַכעס פון א נעסט, אַן אײגן ווינקל?
איך האָב געהערט און האָב געזען
אַמאָל, ווען איך בין נאָך א קינד געווען.

כ'האָב אויך געזען, ווי ס'האָט אַן אַלטער פויער
זײַן אײניק מיט א בײַטש דערפאַר געשמיסן,
ווײַל מיט א שטײן דאָס יינגל האָט צעבריקט
א נעסט, וואָס פויגלען האָבן טרײַ געפלאַנצט.

דאָס אײניקל מיט טרערן אין די אויגן
האָט דאַן געשווירן, אַז ער וועט ניט מער,
אַז ביז ער לעבט, ער וועט זיך ניט דערוועגן
די פויגלען שטערן בויען זיך א נעסט.
די טרער פון זײַן כאַראַטע כ'האָב געזען —
דאָס איז א מענטש געווען.

5—2454

שוין לאנג זײַנען אדורך די קינדער־יאָרן.
כ׳האָב שוין געזען, ווי ווונדערלעכע נעסטן,
וואָס מענטשן האָבן יאָרנלאנג געפלאנצט,
זײַנען געוואָרן הויל, און שווארץ, און כאָרעוו.

און ניט קיין הימל־בליץ האָט זיי געצונדן,
און ניט קיין שטורעמווינט האָט זיי געבראָכן,
דער בייזער ווילן פון דער שווארצער גזיירע
איז פון בערלין דערגאנגען צו די נעסטן...
די שווארצע גזיירע כ׳האָב אליין געזען —
דאָס איז דער דײַטש געווען.

כ׳האָב שווער געווער אין מײַנע הענט גענומען
אף דעם, וואָס האָט צעשטעדט, פארכאָרעוועט
דעם סאָד, וואָס מיר האָבן געפלאנצט.

און איך האָב ניט געווארט, ער זאָל מיר שווערן,
אז ער וועט, ביז ער לעבט, זיך ניט דערוועגן
צו אופהייבן זײַן האנט אנטקעגן אונדז —
איך גלייב דעם פײַנט נאָר דאן, ווען ער איז טויט.
ווײַל זינט איך בין אין דעם מילכאָמע־ברען,
כ׳בין ניט אזא, ווי כ׳בין אמאָל געווען!

טאווריז. 1944

דערפער

א

אינעם דאָרף,
וווּ איך לעב,
אַפֿ דער גאַס,
וווּ איך וווין,
אין דער שטוב,
וווּ איך רו פֿון די שלאַכטן אַ מידער —
רוּיִנען, רוּיִנען...
כ׳בלײַב שטיין דערשטוינט —
קיין קאָל פֿון קיין קינד,
קיין געלעכטער,
קיין לידער...

אָ, ווען דו ווייסט,
ווען דו ווייסט, ווי ס׳איז שווער
צו זײַן אין אַ דאָרף,
וווּ ניטאָ איז קיין קינדער...
פּוסט איז דער שליאַך,
אין די הויפֿן איז לער —
ס׳איז דורך מיטן דאָרף
דער בייזוווּנדער...

אוקראַיִנע. 1943

ב

מיר זײַנען אין א דערפל שטיין געבליבן
בלויז אף איין קורצער זומערדיקער נאכט.
ס'האָט אן אליארעם אונדז אהער געטריבן,
אן אומרו־מארש האָט אונדז אהער געבראכט.

עס האָבן די פּראָזשעקטאָרס ניט גערוט,
געזוכט דעם סוינע אין די טונק'לע כמארעס,
נאָר אף די טרעפּעלעך פונעם „קאָלבוד"
האָט עמעצער געשפּילט אף א גיטארע.

לעננגויס דעם טײַך געדונערט האָט דער פראָנט,
און די גיטארע האָט געשפּילט פון ליבע...
א רויך האָט זיך געשפּרייט באם האָריזאָנט,
און ס'האָט דער ווינט אף מיזרעך אים געטריבן.

דאָס שפּילן וואָלט מיך עפּשער ניט געארט,
ווען בא דעם טויער וואָלט איך ניט דערהערן
פון טיפן הארץ א קרעכץ א שווערן:
— גיי גיי, מײַן זון, נאָר פארגעדענק: איך ווארט...—

דערנאָך האָט זיך צעוויינט אַן אַלטע פֿרוי
מיט אַ געזאַנג, ווי זײַן וואָלט אַ לעווײַע:
— אוי, ווער וועט אונדז אַראָפּנעמען דאָס ברויט?
אוי, ווער וועט אונדז פֿאַרהיטן פֿונעם פֿײַער?!..—

און קיינער האָט דער אַלטער ניט געשטערט
און ניט געטרייסט, ווי ס'מאַכט זיך, ניט דערמונטערט...
פֿאַרהילט אין אומרו איז געווען די ערד,
באַדעקט מיט גריבער, ווי מיט טיפֿע וווּנדן.

פּאָקראָווקע. 1942

אוי, דו טרויער

פונ פארנאכט אונ ביז באגינענ
שטייט א קעלבעלע באמ טויער,
קוקט אינ פעלד ארײַנ אינ גרינעם,
אינ די אויגנ שרעק אונ טרויער.

ווענ מע האָט די שטוב געצונדנ,
ווענ מע האָט די קו געשאָסנ,
איז דאָס קעלבעלע דאָס בלינדע
אינ א שטאל געוועג פארשלאָסנ.

נאָר די שטאל איז גאנצ געבליבנ.
אלצ ארומ — פארברענט, פארסארפעט,
גאָר דאָס דאָרפ ארויסגעטריבנ,
בלויז דאָס קעלבל קיינער דארפ ניט.

שטייט עס איינזאמ אונ דערשראָקנ,
שטייט באמ אופגעפראלטנ טויער,
לעמ אנ אָפּגעברענטנ פלאָקנ,
לעמ א הויפנ קוילנ גרויע.

אוי, דו טרויער, גרויער טרויער...

הארבסט 1942

אין סרייפע

איין הונט געבליבן איז אין דאָרף —
אן אָפּגעבליאַקעוועטער און א גרויער,
מע האָט די שטוב צוזאַמען מיט זײַן בויד
פארברענט. געבליבן ז'נאָר דער טויער.

זיצט זיך דער הונט און קוקט פארקלערט,
ווי ס'צאַנקט א טאָג א הארבסטיקער, א געלער...
אוי, גלוסט זיך אים ניט אזא לאַנגע נאַכט
וואַלגערן זיך אינעם אָפּגעברענטן קעלער.

ער וואָלט אנטלאָפן גערן. נאָר וווּהין?
אַף הונדערט ווערסט איין שטיקנדיקע סרייפע.
ס'פארגייט די זון, און בא דעם אלטן הונט
עס שווינדלען פאר די אויגן גרינע רייפן.

נאָר פּלוצעם הערט ער: פון דער זײַט
א מענטש דערנענט זיך צום טויער.
ער כאַפּט זיך אויף און ווי אַמאָל
צילט אָן דאָס אויג, שטרענגט אָן דעם אויער.

און ער דערקענט:
דער באַלעבאָס!..

פרילינג 1945

די וווּנד

ווײַסע בערעזעס און טונקעלע צלאָמים.
א טײַכל, א קלויסטער, א הימלאָזער הונט.
און ווײַטער — א פוסטקײַט —
ווילדגראָז און בלומען,
א שטוב לעם א שטוב — ווי א וווּנד לעם א וווּנד.

ווו זײַנען די קינדער, וואָס פלעגן זיך באָדן
אין שטראָמיקן טײַכל, וואָס פליסט אינעם קאנט?
ווו זײַנען די זקיינים,
וואָס היטן פון שאָדן
די סעדער און גערטנער מיט שטעקן אין האנט?

ווו ביסטו, מײַן דערפל, מײַן אלטיטשקע כאטע?
צעוואָרפן דער קוימען, צעוואלגערט דער פלויט.
פונדאנעט אוועק אפן דײַטש
איז מײַן טאטע,
און דאָ האָט מײַן ברודער באגעגנט דעם טויט.

און ס'דאכט, אז פוסטריט עס באלייט מיך זײַן שאָטן,
זײַן מארך און זײַן בלוט איך דערזע אף די ווענט.

דאָ זע איך מײַן יוגנט,
מײַן קינדהײַט צעטראָטן,
און ס'טוט אזש א ציטער די ביקס אין די הענט.

ווײַסע בערעזעס און צלאָמים פארפוילטע...
א מיזרעכדיק ווינטל טוט פלוצעם א בלאָז...
און ס'גלוסט זיך א פאל טאָן
אף ווונדן אנטהוילטע
און קושן ביז ווײ דאָס פארבלוטיקטע גראָז.
וווּ ביסטו, מײַן ברודער, וווּ ביסטו, מײַן טאטע,
וווּ זײַט איר, כאַווײרים, אהער גײט, צו מיר!..
ס'וועט אויסוואקסן דאָ
אי א סאָד אי א כאטע,
נאָר ס'וואקסט אויך דער ווײ אין מײַן הארץ אָן א שיר...

די ערד וועט נאָך שפּראָצן, דער סאָד וועט נאָך בליִען,
נאָר ס'וועט זיך די וווּנד אין מײַן הארץ ניט פארציִען...

לגאָווע, זומער 1944

א קרענעצע

אָט איז זי, מײַן קרענעצע,
טרוקן, שא און שטיל,
ס'דאכט, מע קאָן דערהערן דאָ,
ווי עס וויינט א גריל.
עפשער איז דער קוואל פארשטאָפּט,
עפשער איז זי לער,
ווײַל פון אונדזער קרענעצע
שעפּט מען שוין ניט מער.
ניין! די טיפע קרענעצע
שטייט איצט פול און פול...
נאָר פון דעם געשעענעם
קאָן מען ווערן דול!
ס'זיצט אן אלטע פויערטע
נעבן, לעם א פלויט:
— קינד מײַנס, אָט די קרענעצע
איז איצט פול מיט טויט.
כ'זיץ אָט דאָ און קוק אף איר,
און עס דאכט מיר אויס:
ס'וועלן מײַנע אייניקלעך
פון דער טיף ארויס.

איינזאם בין איך, ליבינקער...
אלץ, וואָס כ'האָב געהאט,
האָט אין אָט דער קרענעצע
אראָפּגעלאָזט דער קאט.
און פארוואָס, מײַן טײַערער?
פאר א וועלכע זינד?
ווײַל געלעבט בא מיר אין שטוב
האָט א יִדיש קינד...
דעם זון, די שנור, די אייניקלעך —
אלץ, וואָס כ'האָב פארמאָגט,
אהער אין אָט דער קרענעצע
האָט דער דײַטש פאריאָגט...—
און די אלטע פויערטע
איז געוואָרן שטיל,
און מיר דאכט, איך האָב דערהערט,
ניט ווי ס'וויינט א גריל,
נאָר ווי ס'קרעכצט די קרענעצע
און ווי ס'רוישט איר קוואל
ניט מיט וואסער לויטערער,
נאָר מיט בלוט און גאל,
און ס'צעשפרייט זיך אפּן בארג
און איבערן טאָל
א באקאנטע שטימ אזא,
א באקאנטער קאָל.
כ'הער זיך אײַן, און פינצטער ווערט
דער פרימאָרגן-בלוי,
צו דער קרענעצע איך פאל
און איך זאָג אזוי:

— ברודערקע, מײַן טײַערער,
איך האָב דיך דערקענט,
כ׳האָב דײַן מארך און בלוט געזען
אף די גרויע ווענט.
איצטער פון דער קרענעצע
הער איך גוט דײַן קאָל...
פאר דײַן אומקום, ברודערקע,
יעדן טאָג איך צאָל.
כ׳צאָל מיט הייסן גרימצאָרן,
כ׳צאָל מיט טויט פאר טויט
אויך פאר יענער אלטיטשקער,
וואָס זיצט אונטערן פּלויט.

לגאָוו. 1944

דרײַ ביימלעך

אין אונדזער דאָרף נעבן טײַכל
זײַנען דרײַ ביימלעך געשטאַנען,
זיי זײַנען געווען באַ אונדז ליבער
פון שענסטע און ריזיקסטע טאַנען.

פלעגן מיר לויפן זיך באָדן —
וווּהין? צו די ביימלעך.
פלעגן מיר לויפן זיך גליטשן —
וווּהין? צו די ביימלעך.

דרײַ ביימלעך, דרײַ דינינקע ביימלעך,
ווי יונג איז געווען זייער גרינען...
ווי אָפט אין אַ ליכטיקן חלום
זיי קומען מיר אפן זינען.

דרײַ ביימלעך, דרײַ רוסישע ביימלעך...
מיר האָבן מיט אײַך זיך געזעגנט,
ווען ס'האָט איבער אונדזער דערפל
מיט פעך און מיט שוועבל גערעגנט.

מיר זײַנען ביז וואָלגע דערגאַנגען
און האָבן זיך אומגעקערט ווידער!
ווי ס׳בײַט זיך דאָס וועלקן אַפּ אופּבלי —
געביטן זיך האָבן די לידער.

און בלויז אינעם דאָרף, בא דעם טײַכל
באַם שטילן, געשלענגלטן, ליבן,
דאָרטן ניט ווײַט בא דעם בריקל
זײַנען דרײַ פּניאָקעס געבליבן,

נאָר זאָרגט ניט! מיר וועלן דאָ ווידער
דרײַ זילבערנע ביימלעך פאַרפלאַנצן,
עס וועלן נאָך זוניקע שטראַלן
אַפּ זייערע צווײַגעלעך טאַנצן.

דרײַ ביימלעך, דרײַ דינינקע ביימלעך
וועלן דאָ בליִען און גרינען.
אָ, ניין, ניט אומזיסט זײַנען ביימלעך
בא אונדז ניט אַרויס פונעם זינען!

טשעבי׳ע, 1945

אָסווענצים

א

אך, ס׳ארא שניי, ס׳ארא שניי,
א ווייכער און א געדיכטער,
ער פאלט ניט — ער שפרייט זיך אזוי
זאָרגלאָז, און שטיל, און געלאסן.
אָט איז דאָ טונקל געווען,
און אָט איז געוואָרן שוין ליכטיק,
ווי דורך א נעס באנייט
זיינען געוואָרן די גאסן.

אך, ס׳ארא שניי, ס׳ארא שניי!
ער פרווט מיר די אויגן פארבלענדן,
אז איך זאָל ניט זען ארום זיך
די רעשטן פון וויים-בלויע לאטעס...
אוי, ווו נאָר איך טו זיך א קער,
צו וועמען איך זאָל זיך ניט ווענדן —
בלייכע פארדאָרבענע פענעמער,
וו׳סט און פארמאטערט.

אך, ס'אַרא שניי, ס'אַרא שניי!
ער פּרוּווט זיך פאַרשיטן די גריבער,
די שײַטערס, וווּ ס'ליגן נאָך איצטער
דערוואָרגענע זקיינים און קינדער.
ער וויל, אַז זײַן שניי־ווײַסע דעק
זאָל מאַכן די וועלט פאַר מיר ליבער,
נאָר ווען מע פאַרדעקט אַ ווונד,
ווערט דאָך דער ווײ ניט לינדער...

אך, ס'אַרא שניי, ס'אַרא שניי!
זײַן טאַם כ'האָב דערפילט מיט די ליפּן,
און מאָדנע — ווי ראָפּע, ווי זאַלץ
זײַנען די צאַרטינקע שנייעלעך...
די ביינער דאָ פלעג מען צעמאָלן,
דעם אַש פלעג מען פלײַסיק דאָ זיפּן,
דאָס גאָלד פלעג מען שיקן „נאָך הײַמאַט",
דאָס ווײַב און די קינדער דערפרייען.

אך, ס'אַרא שניי, ס'אַרא שניי,
אַ ווייכער און אַ געדיכטער,
ער פאַלט ניט — ער שפּרייט זיך אַזוי
אויף דער שטאָט, אויף די בערג און די טאָלן...
דער צאָרן מיר פּײַנטעט די פיס —
איך בין דער סאָלדאַט און דער ריכטער.
כ'פאַרפּרעס מיר די ציין ביז ווייטיק,
כ'וועל צאָלן,
פאַר אַלץ כ'וועל באַצאָלן!

ב

כ׳האָב ניט געזען דעם אויוון,
איך האָב ניט געפונען די האק,
נאָר אָט זע איך נאקעטע קערפּערס
ליגן לעם א באראק.

אָט זע איך, ווי ס׳ליגט א מאמע,
לעם איר — א פּיצעלע קינד.
פון ליפּן, וואָס קאָנען נאָר זויגן,
א בלוטיק שטרעמעלע רינט.

און אָט ליגט אן אלטער אין ברילן,
די טויטע אויגן — פארשטעלט...
ער האָט ניט געוואָלט אין גסיסע
קוקן אף אָט דער וועלט.

און אָט לעם א בלאָנדן מיידעלע
ליגט א צעפלאָכטענער צאָפּ...
פארשוווּנדן איז דער קערפּער,
געבליבן איז נאָר דער קאָפּ.

איך זע, ווי עס הייבן זיך אופּעט
פון די פאַרשאָטענע גריבער
דורעס דערשטיקטע, פאַרברענטע —
נאָענטע, טײַערע, ליבע.

און פאַר די אויגן שווינדלט
דאָס בלויע האַלבאָריקע קינד.
פון ליפּן, וואָס קאָנען נאָר זויגן,
א בלוטיק שטרעמעלע רינט...

אָסווענצ׳ים. פעוראַל 1945

אוורומיק

— ווי הייסטו?
— אוורומיק...
— פונוואנעט?
— פונ קראָקע...
— אונ ווו איז דײַנ טאטע?
— דערהארגעט...—
אונ ס׳קוקנ אפ מיר א פּאָר אויגנ דערשראָקנ,
פונ עלנט אונ הונגער פארמאטערט.

ער זיצט אפ די טרעפּ אָנגעלייגט איּנ פּארענטש
אונ דרעמלט פארזאָרגט אונ שלאָפט איַינ...
— ווי אלט ביסטו, ייִנגל,
ווי אלט ביסטו, מענטש,
ווי אלט איז דײַנ אומעט אונ פּײַנ?

— אוורומיק!
— הא ? וואָס ?.. —
אונ דערציטערט, דערשראָקנ
ער טוט זיך א וואָרפ פונעם שלאָפ.
אונ ס׳גלוסט זיך א פרעג טאָנ:
— אכטיאָריקער זאָקנ,
פאר ווּעלעכע זינד אזא שטראָף?!

קיין אייגענעם ווינקל,
קיין היים און קיין כאַוואַר...
פאַרוואָס אַזוי איינזאַם, פאַריאָסעמט, געפּלעט?..
זיין היים איז דער בוידעם,
זיין בעט — אָט די טרעפּ,
ווו ס'טראָגט פונעם דאַך מיט צעפּאַליעטן זשאַוואַר.

איך קוק אף דיר, קינד מיינס,
און ס'ווערט אף מיין האַרצן
אַזוי אומראַכמאָנעסדיק ביטער און שווער...
איך צוים דאָס געמיט,
נאָר פון ווי אַ פאַרשמאַרצטער
איך פּיל:
מיינע אויגן פאַרנעפּלט אַ טרער.

קראָקע, יוני 1945

ד. האָפּשטיינען

אין בלינדאַזש

אין אַן ענגן בלינדאַזש,
זייער נאָענט פון פראָנט,
אין אַ האַרבסטיקער נאַכט
מיט אַ שניי און אַ רעגן
האָב איך זיך ווידער אין קיִעוו דערמאָנט.

בײַ אַ קעסעלע ווײַן,
אויף אַ שטרויענעם געלעגער
האָט אַ סערזשאַנט זײַנע ווונדן פאַרדעקט
מיט אַ גרויסן שינעל,
וואָס מיט רויך פון די שלאַכטן נאָך שמעקט.

— מיר וועט שוין אַזוי
ביזן טויט
זײַן באַשערט
באַצײַטנס דערפילן,
ווען ס'קלײַבט זיך אַ רעגן...
די ווונדן —
אַ זייכער פון גרויסע געשלעגן.

פאר קיִעוו דער היימשטאָט,
פאר דניעפּ און פּאָדאָל.—
און פּלוצעם — א קאָל:
— קיִעוו... שטאָט,
דו האָסט מיך פונוויַיטן גערופן...

— צי האָט איר געהערט אזא שורע אמאָל?

— צי האָב איך געהערט?
צי כ׳געדענק אזא שורע?!
זי איז אף מיַין שווערד,
זי ז׳א טייל פון מיַין גוואַרע,
און דו?
ווער ביסט דו,
וואָס דו קענסט אָט די ליד?—
און ס׳האָט דער סאָלדאט מיר געענטפערט:
—א ייִד...—

אין ענגן בלינדאזש, בא א קעסעלע וויַין
א בלענד געטאָן האָט די אומשטערבלעכע שיַין.

1944

מיר וועלן יונג זײַן!

ס׳וועט זײַן אזוי, מײַן פרײַנט,
אין גרויסן סאָד, ווו הײַנט
די ביימער שטייען שווארץ און הויל,
ווו ס׳זיצט אין יעדן שטאם א קויל,
ווו ס׳וואלגערן זיך אלטע קאטקעס,
ווו ס׳האָבן שפּליטערס פון פּוגאסקעס
די ערד צעשמעטערט און צעשטערט, —
דאָרט וועט אונדז ווידער זײַן באשערט
פארפלאנצן שמעקנדיקע קווייטן.
מיר וועלן ווידער איינס דעם צווייטן
דערמאָנען אין די שווערסטע טעג,
ווען ס׳האָט זיך אויסגעלאָזט דער וועג,
מיט וועלכן ס׳איז א דאָר געגאנגען,
און ווען פון אלערליי פארלאנגען
ז׳געבליבן איינער — לעבן, זײַן!
עס וועט זיך אויסוועפּן די פּײַן,
וואָס האָט אין הארץ זיך אופגעזאמלט...

און דאָס, וואָס איז געווען פארלאָשן,
וועט זיך צעפלאַמען בונט און העל.
ווי אום פרילינג בליט דאָס פעלד,
ווען טרײַ באארבעט איז דער גרונט —
מיר וועלן יונג זײַן און געזונט!

טשעכאָסלאָוואַקיע. 1944

קינע

פונ דעמ אָוונט אָנ אונ ביז באגינענ
האָבנ מיר געיאָמטעוועט אונדזער זיג,
אונ געדאכט האָט זיכ, אזביימער גרינע,
אונ מיר קערנ זיכ שוינ אומ פונ קריג.

אונ געדאכט האָט זיכ, אז אלע, אלע,
וואָס פארזאמלט האָבנ זיכ די נאכט,
פרייענ זיכ מיט פרייד פונ כאָסנ-קאלע,
אונ ניט אינ איבערייס פונ שלאכט צו שלאכט.

אכ, ווי איכ בינ עס געווענ מעקאנע
מייַנע ווילע פרייַנט אזערבייַדזשאנער.

וויפל שיינע לידער אויסגעזונגענ,
וויפל טענצ צוזאמענ אויסגעטאנצט
האָבנ די פלאמפייַערדיקע יונגענ
מיט דעמ אייביק-דאָרעמדיקנ גלאנצ.

אונ געפילט האָב איכ אינ זייער זינגענ
אונ אינ זייער טאנצנ אזא קראפט,
וואָס די מוט אונ העלדישקייט באשאפט
אונ צעברעכנ קענ די שטארקסטע רינגענ.

אונ פונ וואָס באשטאנענ איז די „קינע“?
עפשער מיינסטו, כ׳האָב געדארפט א סאכ?
כ׳האָב זיכ פּראָסט פארבענקט אינמיטנד׳רינענ
נאָכ א ליד אינ אונדזער מוטערשפּראכ!

דאנ מיט זיגערישנ, פריידיקנ געמיט
אינ געזאנג פונ ברידער, אינ דער סאמע מיט
האָט זיכ העל צעקלונגענ אויכ מיינ ליד.

אונטער ניקאָפּאָל. 1943

זונ'יקער הארבסט

אָ, הארציקע באגריסונג, דו אנציקונג
פונ אונדזער קראפט אונ ריזיקנ געווער...
אָט דאָ פלעגט מענ די ברידער מײַנע שט קנ,
צעשיסנ פלעגט מענ אונדז לעמ דעמ-אָ סקווער.
אונ ס'ווערט מיר שווער,
עס ווערט מיר זייער שווער
דערמאָנענ יענע טעג,
ווענ כ'פלעג א ביסינקעלע רו געניסנ.

מיר דאכט, איכ האָב צו לאנג פארהאלטנ זיכ אינ וועג,
געלאָזט די סאָנים צײַט אפ הענגענ אונ אפ שיסנ...

אונ זוניק איז דער הארבסט.
אינ אונדזער דאָרעמ-קאנט
מע האָט שוינ לאנג דאָס ברויט אראָפּגענומענ.
אנ אקער איז אדורכ, אונ ביזנ הימל-ראנד
איז ברייט אונ ליכטיק, כאָטש ס'איז דורכ א זומער.
ס'איז ליכטיק, ברייט, פארשאָטנ אלע גריבער,
פארגלײַכט די שוצגראָבנס, דעמ דראָט צונויפגעדרייט,
ווי צו א סימכע אויסגעווײַסט די שטיבער,
דאָס פרידנ-פעלד — פארפארעט אונ פארזייט —
צומ יאָמטעוו גרייט.

פוילנ, 1945

עסטער

זי האָט מיך באַגעגנט מיט קווייטן,
און כ׳האָב ניט געוווּסט: זאָל איך נעמען
צי ענטפערן איר מיט פאַראַכטונג,
אַ שפּײַ טאָן דער דײַטשקע אין פּאָנעם:
—שטיי מיר ניט אָפּן וועג,
איך דאַרף ניט, איך וויל דיך ניט קענען,
קווייטן באַקומט מען פון פרײַנט,
און מיר זײַנען בלוטיקע סאָנים.

— ביטע! — האָט זי מיר געזאָגט, —
נעמען זי, ביטע, די בלומען... —
איך ווייס, מיר האָבן פאַרדינט
אַ פריידן, אַ קווייטן, אַ רום,
נאָר ניט בא די דײַטשישע פרויען.
איך האָב דעם בוקעט ניט גענומען —
קווייטן באַקומט מען פון פרײַנט,
נאָר כ׳זע דאָ קיין פרײַנט ניט אַרום.

— כאווער, איך בעט אײַך, מיר בעטן,
כאווער, נו זײַט אזוי גוט...
מיר זײַנען דאָך ניט קיין סודעטן,
מײַן טאטע געווען איז א ייִד...
מע האָט אים אין שאכטע דערטרונקען,
מײַן עלטערן ברודער — מיט אים...
און איך בין געווען אין א בונקער,
אָט דאָ, לעם דער שטאָט אָסוועניצים...

און רופן רופט מען מיך עסטער... —
און זי האָט זיך קינדערש צעוויינט.
— מע דארף ניט, מע דארף ניט, שוועסטער,
איך האָב ניט געוווּסט, כ'האָב געמיינט... —
און כ'האָב פאר די הענט זי גענומען,
און האָב זי געהאלדזט און געקושט,
און זי מיט איר בינטעלע בלומען
געדריקט צו דער ברוסט.

דײַטשלאנד, 1945

ע. פינינבערגנ

איך גיי אפ בערלינ

איך ווייס ניט, צי ליגט נאָך דער שניי אפ די קיִעווער גאסנ,
צי איז שוינ דער פרילינג אראָפּ אפ די ציכטיקע סעדער
און פּארקנ,
צי האָט זיך צעגאָסנ דער דניעפּ און עס קאָכט שוינ זײַנ וואסער,
זײַנ שטורעמדיק וואסער...
אָט דאָ אינ די פוסטע פּאָלווארקנ
פונ ברוינער פארשאָלטענער היטלער-מעדינע —
א מאָדנער געמיש אינ מײַנ הארצנ:
פרילינג אונ סינע,
פרילינג אונ סינע.

כ׳האָב קיינמאָל, מײַנ פרײַנט, ניט געוווּסט פונ אזעלעכע
מינים געמישנ.
דער פרילינג פלעג קומענ מיט דויש אונ די פענצטער
אונ טירנ צעפּראלנ.
אונ ניט נאָר דעם הימל אונ סטעפּ — ער פלעגט אונדז
די הערצער דערפרישנ,
מיט אימפּעט באשענקענ די וועלט,
מיט שמייכלענ פונ זוניקע שטראלנ;

מיר פלעגן זיי וועבן און פלעכטן אין גאָלדענע שטריק,
אָפּ אייביק געקניפּט און געבונדן
מיט לעבן און גליק,
מיט לעבן און גליק.

ווי גוט איז אונדז דעמלט געווען. אונדזער קינדהייט און יוגנט
איז פריי און איז ברייט געווען פּונקט ווי דער פרילינג-צעגאָס.
מיר האָבן צו שענערס געשטרעבט און זיך אָפּט ניט באַנוגנט
מיט אונדזער פאַרמעג.
און די פרייד — אָן א שיר, אָן א מאָס
האָט געשטראָמט ארום אונדז. און ארום
דאָס לאַנד האָט געצוויטעט אין ווילטיק,
אין קראַפט און אין רום,
אין קראַפט און אין רום.

איך ווייס ניט, צי שוועבט שוין דער שטויב אָפּ די קיעווער
וועגן.
ווי טריי ס'איז די פּאָטשט — ניט בעקויעך איז זי צו דעריאָגן
די רויטע כאַיאָלעס, וואָס שפּרייזן דורך פייער צו ריינישע
ברעגן.
כאָטש שווער איז דער מאַרש —
נאָר מע מוז דאָך דעם סוינע דערשלאָגן,
מע מוז דאָך ארייַן אין דער פיינטלעכער היטלער-מעדינע...
אוי, וואָס איז היינט מער אין מיין הארצן —
פרילינג צי סינע?
פרילינג צי סינע?!

גלייוויץ, 1945

א מאַדיאַרקע פון אונגוואַר

אוי, האָט זי זיך אָנגעשראָקן!
דיק — א פּאַס,
נאָר גרוי און בלאַס;
די צעשויבערטע צווײ לאָקן
אפּדערגיך פאַרדרייט, פאַרשטעקט,
איז זי פון איר שטוב אוועק —
גוואַלד, זי ווייסט ניט ווו אהינטאָן
איר צעפּלאָסענעם פּונהינטן...
— וואָס? איר ווייסט ניט?
אוי, איך פּלאַץ!
שוין אין שטאָט!
שוין אפן פּלאַץ!

באַלד וועט מען זי קומען שינדן,
בראָטן, ברענען, שנײַדן שטיקער,
גיסן ראָפּע אף די ווונדן —
דאָס איז דאָך בא „זיי״ דער איקער!

אָט אזוי פון שטוב צו שטוב,
אָט אזוי פון גרוב צו גרוב —

פון גאנצפרי ביז שפעט אין אָוונט
אומגעלאָפן מויט־דערשראָקן,
אלעמאָל פארשארט די לאָקן
און באנעצט די ליפּן בלאָווע,
ביז אין איינעם אין א געסל
מיך דערזען — א קאָמאנדיר.

— פאן, כ׳האָב ווײַן...
א פאן, א פעסל —
וויפל איר באדארפט — צו מיר!
כ׳האָב אזוי געווארט אפ אײַך,
טרערן אויסגעוויינט א טײַך,
אך, איר פילט ניט,
אך, איר ווייסט ניט,
וויפל צאר און וויפל פּײַן...
איצטער, ווען איר קומט אונדז טרייסטן —
קומט ארײַן, אך, קומט ארײַן... —
און זי ווייסט ניט ווו אהינטאָן
איר דערשראָקענעם פּונהינטן —
לעקט די ליפּן,
ברעכט די הענט,
נאָר איך האָב זי גלײַך דערקענט!

— ווײַן?
מיר האָבן ווײַן גענוג!
טרערן?
מאָסקווע גלייבט קיין טרערן!
איר זײַט כיטרע?
איך בין קלוג:

איצטער טרינקען ז'אַן אווירע —
אינעם פאָרשטאָט קאָכט דער שלאַכט,
גייט געזונט, א גוטע נאַכט...—

און ווײַל קיינער ז'ניט געקומען
איר פאַרקויפטע פעל צו שינדן,
און ווײַל קיינער ז'ניט געקומען
גיסן ראָפּע אפּ די ווונדן,
בראָטן, ברענען, שנײַדן שטיקער,
האָט זי פּאָשעט זיך צעוויינט:
זי האָט דאָך באַשטימט געמיינט,
אז איר לעבן איז דער איקער...

כ'בין א וועלט שוין אויסגעוועגן —
אזא מאכשייפע האָב איך ניט געזען!

מוקאַטשאָווא, הארבסט 1944

פאול עקערט

נעבעכדיק, פארדאָרבן, אלט, געהויקערט
זײַנען זיי געגאַנגען ווי די שאָף...
ווער עס האָט געקרעכצט און ווער געוויקעט,
און געדאַכט האָט זיך, עס וועט ניט זײַן קיין סאָף
צו דער אויסגעצויגענער קאָלאָנע
טונקל־גרינע, גרויע, ווי די מײַז...
אין די אויגן — ברוינע שטיקלעך אײַז,
אײַז פון שרעק און אויסגעמיטענער סאַקאָנע.

און איינער איז געגאַנגען אָפּגעזונדערט,
אײַנגעשפּאַרט די אויגן אין דער ערד —
אייערנעכטן האָט מען אים פאַרוווּנדעט,
זעט אויס, לעבן איז אים נאָך באַשערט,
לעבן און דערזען מיט זײַנע אויגן,
ווי צעטראָטן ווערט זײַן היימלאַנדס רום,
הערן, ווי ס'פאַרשעלט אים דער אַרום,
אים, זײַן מוטער, זײַנע שוועסטער צוויגן

אָנגעשפּאַרט זיך אָפּ אַ לאַנגן שטעקן,
שלינגענדיק דעם אָנגעגליטן שטויב,
אָן געווער, פֿאַרדײַגעט, אָן שום רויב,
גייט אַדורך דער רויבער פּאָול עקערט.
אָ, עס זײַנען אים באַקאַנט די וועגן!
אָט די שטאָט, דער מויער אָפּן ראָג...
אָפּיצערן פּונקט ווי ער דאָ פֿלעגן
שיקערן און הוליען יעדן טאָג.

ניט געווען איז טײַערער און ליבער
ווי אין בירהויז, אינעם פּילדערײַ
זינגען, וויען: „אַלעס גייט פֿאַריבער"...
זיפֿצן, קרעכצן: „אַלעס גייט פֿאַרבײַ..."
אָט דאָס לידל קומט אים אָפּן זינען —
ווײ, ניט לאַנג, ניט אייביק איז דאָס גליק...
וויסט און פֿינצטער זײַנען די רויִנען,
אויפֿגעריסן, מוירעדיק די בריק...

און פֿאַרבײַ די וועגן — קוואָרים, קוואָרים...
ס'פֿוילן דאָ אַזעלעכע ווי ער,
און עס דאַכט, עס זויגט אים שוין אַ וואָרעם,
כאָטש ער גייט נאָך אום איבער דער ערד...
„...אַלעס גייט פֿאַריבער...
אַלעס גייט פֿאַרבײַ..."
און ס'ווערן די אויגן בײַ אים ווי צוויי גריבער
פֿאַרגאָסן מיט זודיקן בלײַ...

מאָראַווסקאַ־אָסטראַווא, מײַ 1945

טשײַקאָווסקיס א ליד

שפּיל מיר נאָכאמאָל די ליד אָן ווערטער,
שפּיל מיר, שפּיל מיר אונ דאָס הארצ דערקוויק...

עס ענדיקט זיך דאָס יאָר דאָס פערטע
פונ אונדזער זײַנ צעשיידט.
זאָל ווי א בליק
אנ איינ-אונ-איינציקער פונ מײַנ באשוערטער
זיך דורכטראָגנ טשײַקאָווסקיס ליד...

אָ, שפּיל זשע נאָכאמאָל די ליד אָנ ווערטער
פאר מיר, פאר מײַנ געמיט.

הײַנט איז דאָך יאָמטעוו אפ דער גאָר'ער וועלט,
אונ ווער ס'האָט נאָר א קאָל —
דער זינגט אונדז לויב-געזאנגענ...
ס'האָט דער סאָלדאט דערמאָנט זיך הײַנט אינ זײַנ געצעלט·
פונ ליבער היימ עס קומענ אָט די קלאנגענ.

איז שפּיל מיר נאָכאמאָל די ליד אָנ ווערטער,
דאָס הארצ פונ דעמ סאָלדאט דערפרײַ, דערקוויק.
דאָס סאמע העכסטע מאזל איז באשערט מיר:
כ'וועל זענ מײַנ לאנד, כ'וועל זענ מײַנ קינדערוויג.

היינדענבורג, 1945

III. צ ו ד ע ר ז ו נ

איך טראָג מיט זיך די ליד

איך האָב שוין אָפּגעווינט זיך טיילן דעם מעסלעס
אַפּ פרי און שפּעט,
אַפּ טאָג און נאַכט.
כ׳בין א סאָלדאט - איך רו און עס
בעשאַסן שלאַכט.

איך האָב פארגעסן אין געוווינהייטן א סאך,
און, ערן-וואָרט,
עס זאָל מיך אָנהייבן פארדריסן!
כ׳בין א סאָלדאט — דער איקער — וואַך,
און גיין פאָרויס, און טרעפלעך שיסן.

נאָר ווו איך זאָל ניט זיין,
ווי שלעפעריק, ווי מיד,
ניט טיילנדיק די צייט
אַפּ טאָג און נאַכט,
איך טראָג בא זיך אין הארץ די ליד,
וואָס וועגן דיר כ׳האָב אויסגעדאַכט.

און כ׳וויס געווי: ווען כ׳וואָלט די ליד פאַרלירן,
ווען אופגעהערט
כ׳וואָלט טראַכטן וועגן דיר,
וואָלט אונטער שלאַקס-רעגן צום זיג מאַרשירן
געוואָרן שווערער אָן א שיר.

קרים. 1944

ווייַן פון פריַינטשאפט

עפשער מיינסטו, אז פונוויַיטנ
ווערט מענ גלייַכגילטיקער, פרעמדער,
עפשער מיינסטו, אז פונוויַיטנ
דער זיקאָרנ וועפּט זיכ אויס?
האָסט א טאָעס! זינט איכ בלאָנקע
איבער וויַיטע, פרעמדע לענדער,
אי מייַנ ליבע אי מייַנ בענקענ
גרעסער ווערט טאָג-איַינ טאָג-אויס.

עפשער מיינסטו, אז מילכאָמע
מאכט אונדז קעלטער אלצ אונ קעלטער?
יאָ, די ראכוועס, וואָס צעשיידט אונדז,
וועט ניט דורכלויפנ קיינ פערד...
נאָר דער וויַינ פונ אונדזער פריַינטשאפט
ווערט אלצ דורכזיכטיקער, עלטער,
צוויי מאָל גרעסער איז זייַנ שטארקייַט,
צענ מאָל גרעסער איז זייַנ ווערט.

כ׳בין שוין דורכגעגאַנגען אַזויפיל
שווערע וועגן, ווינט און פֿײַער,
אויסגעפּרוווט כ׳האָב אויפֿן שיינע
פיל געווער אין הייסן שלאַכט.
ווי אַ טראָפּן פרישע וואַסער,
ווי די לעצטע קויל איז טײַער
יענע ליבע, יענע טרײַהײַט,
וואָס האָט קרויוויש אונדז געמאַכט.

דײַטשלאַנד, 1945

דער שליסל

מײַן גאנצ פארמעג איז ניט גערירט געבליבנ.
פארלאָזט די שטוב, אונ אפ א בלאט פאפיר
כ'האָב אפדערגיכ אזא מינ בריוו געשריבנ:
איכ גיי אינ שלאכט. דער שליסל איז בא מיר.

צום לעצטנ מאָל געגעבנ כ'האָב די בלומענ
א פרישנ טרונק — זיי וועלקנ אפ דער זונ.
דאָס בריוועלע האָט קיינער ניט באקומענ.
דאָס איז געווענ אינ לעצטנ טאָג פונ יונ.

דערנאָכ איז דורכ א זומער אונ אנ אָסיענ,
א קאלטער ווינטער... אונ איכ האָב געהערט,
ווי אינ מײַנ שטאָט עס האָט זיכ בלוט געגאָסנ
אונ ווי פונ וויי עס האָט געקרעכצט די ערד.

איכ בינ אינ שלאכט ניט מיד געוואָרנ שיסנ,
איכ האָב געוואלגערט זיכ אינ בלאָטע אונ אינ שניי,
נאָר אינ מײַנ טאש געלעגנ איז דער שליסל —
דער איידעס פונ מײַנ גליק אונ פונ מײַנ וויי.

ס'וועט נאָך אדורך א זומער און אן אָטיען,
איך ווייס, ניט גרינג וועט זײַן דער וועג צוריק,
נאָר הײַנט, אין שלאכט, ווען כ'טרינק די קילע ראָסע,
איך גלייב, אז אונדז געהערן וועט דאָס גליק!

מיר וועלן אויסקערן דאָס מיסט, דעם אש,
אף די באלקאָנען בליִען וועלן צארטע בלומען,
מײַן טאליסמאן — דער שליסל — ליגט אין טאש —
איך גלייב: מיט אים כ'וועל צום ניצאָכן קומען!

קאשטאנעס

קיעווער טאָפּאָליעס און קיעווער קאשטאנעס,
אוי, ווי איר זײַט נאָענט און ווי ווײַט פונדאנעט...
אפ די גרינע הייכן פון די בערג קארפאטער
איז ארופ דער אָסיען מיט א גאָלדן-פלאטער...
מיר געפעלט דער בלעטערפאל נאָך פון קינדער-יאָרן.
וואָס זשע איז מיר פלוצעם אומעטיק געוואָרן?
צווישן די טשינארן, דעמבן, סאָסנעס, יעלן
כ׳זוך א בוים, וואָס איז מיר מער פון אלץ געפעלן.
ער וואָלט מיר דערמאָנען וועגן דיר, מײַן ליבע,
כ׳וואָלט א היטל קאשטאנעס דאָ צונויפגעקליבן.
קיעווער טאָפּאָליעס, קיעווער קאשטאנען...
בוקארעשט און בודאפעשט שוין ניט ווײַט פונדאנען,
אפ די שווערע בערג דאָ קלעטער איך און קלעטער,
איבער שווארצע שטיינער, איבער געלע בלעטער.

קארפאטן. הארבסט 1944

אינ יענעמ גרינעמ געסל

אָ, ביזנ טויט איכ וועל אימ ניט פארגעסנ,
דעמ שטילנ „פאָר געזונט” אונ „זײַ געזונט”,
וואָס זי האָט מיר געזאָגט אינ יענעמ גרינעמ געסל,
אינ יענער שווארצער נאכט,
אינ יענעמ כוידעש יונ.

עס דאכט מיר אָפּט, ווענ כ׳שטיי אונטערנ פײַער
אונ ס׳דונערט אזש אונטער די פיס די ערד,
איכ הער איר קאָל. עס איז ווי פריִער טײַער,
עס לאָזט ניט ווערנ טעמפּ מײַנ שווערד.

ס׳איז שווער פארגעסנ אלצ, וואָס האָסט אמאָל פארמאָגט
די גרויסע שיידונגס-נאכט זאָל איכ פארגעסנ?
אינ קורצנ כאָלעמ זע איכ אָפּט, ווי ס׳טאָגט
אונ זי באגעגנט מיכ
אינ יענעמ גרינעמ געסל.

קופּיאנסק. 1942

מײַן ראָטע

דעם גרעסטן סאָד דערלויבט מען זיך פאַרטרויען
דעם, מיט וועמען מ'איז אין שלאַכט
פון מאָרגן-גרוי ביז אָוונט-בלוי.

א שאָד איז נאָר, וואָס פיל פון מײַנע פרײַנט,
וואָס האָבן דיך געקאָנט לויט דײַנע בריוו און בילדער,
האָבן שוין זייערס זוניק אָפּגעשײַנט —
אַפּ אייביק אויסגעלאָשן זיך אין די קאַרפּאַטןווילדע.

א שאָד, א שאָד, וואָס נאָכן שווערן שלאַכט,
ווען ס'וועט אדורך דער יובל פון ניצאָכן,
איך וועל ניט קאָנען אין א שטילן אָפּדערנאַכט
צונויפנעמען די ראָטע...

אוי, טײַערע, געמינערט איז די צאָל
פון די, וואָס כ'בין מיט זיי אין שלאַכט געגאַנגען;
פון די, וואָס כ'האָב זיי דײַנע בריוו געלייענט
און זיך געטיילט מיט די פאַרבאָרגנסטע פאַרלאַנגען...

דו בעט מיך ניט, אז דײַנע בריוו כ'זאָל מער
ניט ווײַזן קיינעם. ס'מעגן אלע וויסן,
פון וואָס דו שרײַבסט צו מיר,
פון וואָס איך קלער —
אונדז אלעמען געהערן דײַנע גרוסן.

קראָקע, 1945

די ליד וועגן די טויבן

איך בעט דיך, מײַן ליבע:
צעזינג זיך,
צעזינג זיך אין טרויער פון צײַט,
זינג, כ׳זאָל אונדז דאָ דערהערן,
נישקאָשע, וואָס ס׳איז אזוי ווײַט!

זינג, זינג מיר די ליד וועגן טויבן,
וואָס האָבן פארלאָרן די נעסט...

. . . .

עס איז שוין דער הארבסט פאַריבער,
עס בריִען שוין ביטערע פרעסט.

און ווי ס׳איז ניט שווער די טויבן
היימלאָז צו זײַן אפ דער ערד —
כ׳גלייב, מײַן געליבטע: די טויבן
איז נאָך פיל פריילינגס באשערט.

מיר וועלן מיט מאזל נאָך זינגען —
איך, דו און דאָס קינד — זאלבעדרײַ
די ליד וועגן דעם, ווי אין שטורעם
דאָס הארץ איז געבליבן געטרײַ.

קארפאטן, 1944

א כאָלעם

מיר האָט זיך געכאָלעמט, אַז דו האָסט געבאָרן אַ קינד,
מיר באָדן עס ביידע אין לעבלעכער וואַסער אין ווייכער,
עס פּליעסקעט זיך פריילעך מיט ראָזלעכע הענטלעך, און דו
ביסט מיד פונעם טאָג, נאָר דו ביסט דאָך אַ מאַמע—דו שמייכלסט.

מיר האָט זיך געכאָלעמט, אַז דו האָסט געבוירן אַ זון.
איך האָב אים געהאַלדזט און געקושט, ווי עס פּאַסט פאַר אַ טאַטן.
און פּלוצעם — איך רייַט שוין מיט אים אַף אַ פלאַמיקן פערד,
עס טראָגט אונדז דער ווינט איבער רוקנס פון בערג פון קאַרפּאַטן.

עס איז שוין דער האַרבסטיקער דניעסטער פון הינטן פאַרבליבן,
מיר פליִען פאָרויס. אַך, ווי גוט און ווי טרעפלעך מיר שיסן!..
אַ שווערער סנאַריאַד איז האַרט לעם מייַן שוצגראָב געפאַלן,
דעם גאָלדענעם כאָלעם מיר איבערגעריסן.

אונגאַרן, 1944

א קאָנווערט

און איך האָב הײַנט פֿון דיר א בריוו באַקומען.
אפֿ דעם קאָנווערט א בלימל — א געמעל,
און כאָטש אין דרויסן שטייט א הארבסט א שטומער,
דער טאָג ז׳פֿאר מיר געוואָרן זוניק-העל.

און ס׳האָט א טראָג געטאָן פֿון דײַן קאָנווערט
מיט ווארעם פֿון דײַן הארץ און בלויע אויגן,
מיט דעם גערוך פֿון אונדזער מאמע-ערד —
אָן פֿליגל כ׳וואָלט צו דיר אוועקגעפֿלויגן!

אָ, ווער וואָלט קאָנען אויסמעסטן די ווערט
פֿון אָט דעם בלימעלע אפֿ דײַן קאָנווערט.

אפּן סאן, 1945

2454

ווען איך וועל קומען

כ׳וועל קומען אום שאבעס
צי אינדערוואָכן,
פארשנייט צי פון זומער־שטויב גרינ;
א ביסעלע מיד און א ביסל צעבראָכן —
נאָר ליב מיך אזא, ווי איך בינ!

עס קאָנ זיך דאָך טרעפן,
אויך דו ביסט געעלטערט,
אויך דו ניט אזא ביסט ווי פרי׳ר —
א ביסעלע מיד און א קאפיטשקע קעלטער,
און אויך אין די האָר — א געפריר...

נאָר פונקט ווי מיט דיר
וואָלט זיך גאָרניט געטראָפן —
אומזיסט דײַנע דײַגעס, אומזיסט!
איך בין דאָך צו דיר דורך א פײַער געלאָפן,
איך ליב דיך אזא, ווי דו ביסט.

אזא ווי דו ביסט!
זאָל באמערקן א צווייטער,

אז דו ביסט אצינד ניט אזא ווי אמאָל...
ווי כ׳וואָלט ניט געווען אין דער וועלט אין דער ברייטער,
דורכויס פלעגט מיר קלינגען דײַן קאָל.

אום יאָמטעוו, אום שאבעס,
צי גאָר אינדערוואָכן
אהין, ווי דו ביסט, איך וועל קומען אהין
א ביסעלע מיד און א ביסל צעבראָכן—
נאָר ליב מיך אזא, ווי איך בין!

ווײַסל. 1945

דיכטונג

פאַר מיר ביסטו געווען
ניט נאָר אַ קוואַל, וואָס שטילט די דאָרשט אין זומער־היץ,
ניט נאָר אַ פרישער ווינט,
וואָס קילט בײַ דעם סאָלדאַט דעם ווײ פון הײסע וווּנדן.
אין טונקעלע מילכאָמע־נעכט
ביסטו געווען דער פונק, דער פײַערבליץ,
וואָס האָט אין מיזרעך־לאַנד
דעם אויפגאַנג־פײַער אָנגעצונדן.

אַזוי איז דײַך די ערד,
ווען זי באַפרישט אַ זומער־רעגן,
אַזוי איז ריין דער בלאַט,
ווען ס׳וואַשט אים פלײַסיק דער פרימאָרגן־טוי...
אָ, כ׳ווייס ניט, ווען און ווו
איך האָב מיט מאָל דיך באַגעגנט.
ביסט ווי אַ רעגנבויגן
רויט, און גרין, און בלוי.

ווײַל שטרענג צי ווײַל באַשיידן —
דײַן נאָמען האָסטו מיר ניט אָנגערופן דאַמאָלט,

ווי זעסטו אויס —
באשרײַבן וואָלט איך קיינמאָל ניט געקענט,
נאָר כ׳ווייס: פון גאָר דער וועלט
דו האָסט די שענסטע קראפט געזאמלט
און ווי א מוטער מיך געבענטשט,
מײַן אויג, מײַן הארץ און מײַנע הענט.

פּעי׳עמישל. זומער 1945

ס׳פאלט א האָגל

ס׳פאלט א האָגל, אַ עמעסער האָגל,
ניט פון בלײַ —
טראָפּנס רעגן דערפרוירענע...
אַפּ די גאסן דעם שטויב צוגעשלאָגן
און די ביימער די אונטערגעשוירענע
מיט א רעגן-געטראַנק
אַי דערפרישט — אַי דערקוויקט.
און מיר דאכט, אַז איך הער,
ווי די ערד
זאָגט א דאנק,
און מיר דאכט, אַז איך זע —
אַלץ, וואָס האָט שוין געצאנקט,
טרינקט זיך אָן,
נעמט זיך אָן
מיט דעם זויבער-געטראנק,
וואָס די גראָזן דערפרישט,
און די גערטנער דערקוויקט...
ליב דעם וואָלקן,
וואָס האָט אונדז דעם רעגן געשיקט.

ס׳פאַלט אַ האָגל, אַן עמעסער האָגל,
ניט פֿון בלײַ —
טראָפּנס רעגן דערפֿרוירענע...
קינדווײַז פּלעג איך אים קלײַבן
און וואַשן די אויגן —
זיי זאָלן ליכטיקער זײַן,
זיי זאָלן לויטערער זײַן...
און אַצינד? אוי, ווי ביסטו,
מײַן קינדהײַט פֿאַרלוירענע?!
כ׳האָב איך דיר זיך דערמאָנט
אויפֿן ראַנד פֿון מײַן לאַנד...
ס׳פֿאַלט אַ האָגל,
ס׳גיסט אַ רעגן...
קינדהײַט, קינדהײַט,
קום אַרויס,
באַגעגן!

פּאַרדוביצע, מײַ 1945

מאמע

כ׳דערמאָן זי אָפט, מײַן אלטיטשקע,
מײַן פּאָשעטע, מײַן היימישע,
איר טיכל דאָס אלטמאָדישע,
איר שאבעסדיקע קלייד.
קיין בעסערע, קיין קליגערע
וועל איך ניט האָבן קיינמאָל שוין —
זי איז די איין-און-איינציקע
אפ גאָר דער וועלטן-ברייט.
כ׳דערמאָן איר קוק, איר שמייכעלע,
איר „ווײ איז מיר און ווינד איז מיר",
איר דײַגעסדיקע הארציקײַט,
איר שמייכל און איר ווונק.
ווו כ׳זאָל ניט זײַן — באלייטן מיך
די מײַסעס אירע, קינדערשע,
און פון איר ליד דער מיידלשער
עס גליט אין מיר א פונק.
ער גליט אין מיר און לעשט זיך ניט,
און ווען כ׳בין מיד צי טרויעריק —
ער טוט א בלענד, און ליכטיק ווערט
די ראכוועס ארום מיר...
אוי, מאמעניו, מײַן אלטיטשקע,
נאָר דיר, נאָר דיר פארטרויען כ׳קען
די נײַע, די מילכאָמע-ליד,
וואָס צײַטיק ווערט אין מיר.

1944

פרייד

ווער וואָלט קאָנען אויסמעסטן די גרייס פון פרייד...
ווי א יאם איר טיף איז? ווי די וועלט איר ברייט?

עפשער דארף מען מעסטן זי א טראָפּן נאָך א טראָפּן?
פרייד קאָן מאכן שיקער, ווי די שטארקסטע האָפּן.

פרייד איז ניט קיין מאשקע אין די קעלער-פעטער —
פרייד באדארף מען זוכן טויזנטער מעסלעסן.

זי איז קורץ — אן אויגנבליק און איז גרויס — א לעבן.
פרייד באדארף מען פלאנצן, שמידן, העפטן, וועבן.

זוכן אין די הימלען און אין טיפסטע היילן,
און איר מינדסטן טראָפּן דארף מען קאָנען טיילן.

צוליב פרייד מיר גייען אינעם גרעסטן פייער—
אָט פארוואָס זי איז אונדז אזוי ליב און טייער.

סלאָוואקיע, 1944

מײַן כּיוון

מיר איז מיסטאָמ אַזױ באַשערט —
פֿון פּרי ביז שפּעט, פֿון פּרי ביז שפּעט
אױף אונדזער פֿרײלינגדיקער ערד
מײַן כאַװער שאַרפֿן דעם באַגנעט.

און װען ער װעט אַװעק אין שלאַכט,
זאָל אים באַגלייטן אומעטום
די ליד, װאָס איך האָב אױסגעדאַכט,
אַז זײַן זאָל זי זײַן לױב און רום.

נאָר אָפּט טו איך אַזױ אַ טראַכט:
װאָס האָב איך פֿאַר מײַן לאַנד געטאָן?
אַ צװײטן כ׳האָב באַגלייט אין שלאַכט,
באַזונגען זײַן געװער, זײַן פֿאָן?

און איך אַלײן? כ׳בין קראַנק, כ׳בין קלײן
די ביקס צו נעמען אין די הענט
און ביז צו דעם פֿאַרשװאַרצטן רײן,
ביז די בערלינער ברױנע װענט

דערגיין, און ניט ווי א פּאָעט —
ווי א סאָלדאַט, און וועגן מיר
זאָל זײַן געזונגען און גערעדט
אי אפן אורא̇ל אי אין סיביר,

אז מיר איז אויך געווען באַשערט
ניט אָפּשטייען אין שלאַכט פון די,
וואָס האָבן מיט דער שאַרפער שווערד
פאַרייביקט זייער שווערע מי.

שאַכטי. 1944

צו דער זון

אָ, ניט אומזיסט, דו זון,
מיר קרוינען מיט דײַן נאָמען
דאָס ליבסטע אפ דער ערד,
אַלץ, וואָס אונדז ברענגט נעכאָמע.

האָסט אונדז אין שלאכט באַגלייט
און האָסט זיך ניט געזעגנט!
און איצט, באַם שוועל פון היים
האָסט אונדז מיט ליכט באַגעגנט.

א דאנק דיר, הויכע זון!
כ'בין ניט קיין געצנדינער,
נאָר כ'נייג פאר דיר מײַן קאָפּ
באַם ראנד פון אוקראַינע.

א גרוס, א גרוס דיר, זון!

1945

אינהאלט

I. דער עמעסער אָנהייב

דער עמעסער אָנהייב 3
ווי א סאָלדאט 5
דער הייליקסטער פונ די געבאָטנ 7
אזוי אונ ניט אנדערש 8
ראקעטעס 12
אינ דערוואַרטונג 14
פארנ דונער 16
אינ פעלד 17
א שטאל 18
הימל אונ בארג 19
ווי עס געשעט 21
צומ שווארצנ יאמ 23
מיר האָבנ אינצווייענ 25
רעגנס
א. אומ ווינטער א רעגנ 27
ב. אינ שוצגראָב 29
ג. הארבסטיקער דעמער 30
ד. א שניי מיט א רעגנ 32
ס'וועט דורכ די נאכט 34
כ'וועל אָפּצאָלנ ! 36
ניט ווייט פונעמ בארג סאפונ 37
דער דאָט (פראגמענטנ) 39
בא טאָדאָס איוואנטשענקאָ 45
ניט ווי אמאָל 47

אונדז געהער דער מאָרגנ 49
מיר שפּרייזנ אפ מייַרעוו 51
צו די אומגעקומענע 53
לעניג 54
וועגנ גרוי ווערנ 55
אוקראינע 57
פונ ווייַט 58
דער אָטעמ פונ ערד 59
נעבנ מייַנ סאָד 60
אט זשיע! (לעבנ זאָל) 61

II. צעשטערטע נעסטנ

צעשטערטע נעסטנ
א. איכ האָב געזענ 63
ב. האָט איר געזענ 64
דערפער
א. אינעמ דאָרפ 66
ב. מיר זייַנענ 67
אוי, דו טרויער 69
אינ סרייפע 70
די ווונד 71
א קרענעצע 73
דרייַ ביימלעכ 76
אָסווענצימ
א. אכ, ס׳ארא שניי 78
ב. כ׳האָב ניט געזענ 80
אוורומיק 82
אינ בלינדאזש 8
מיר וועלנ יונג זייַנ! 86
קינע 88
זוניקער הארבסט 90

עסטער 91
איכ גיי אפ בערלינ 93
א מאדיארקע פונ אונגוואר 95
פאול עקערט 98
טשײַקאָווסקיס א ליד 100

III. צו דער זונ

איכ טראָג מיט זיכ די ליד 101
ווײַנ פונ פרײַנטשאפט 103
דער שליסל 105
קאשטאנעס 107
אינ יענעמ גרינעמ געסל 108
מײַנ ראָטע 109
די ליד וועגנ די טויבנ 110
א כאָלעמ 111
א קאָנווערט 112
ווענ איכ וועל קומענ 113
דיכטונג 115
ס'פאלט א האָגל 117
מאמע! 119
פרייד 120
מײַנ כויוו 121
צו דער זונ 123

באמערקטער דרוקפעלער

זײַט	שורע	אָפּגעדרוקט	דאַרפ זײַנ
55	4 פונ אויבנ	דער זיג	קיינ זאכ

Зак. 2454

М. ТАЛАЛАЕВСКИЙ

ПО-СОЛДАТСКИ

Редактор *Э. Фининберг.* Художник *И. Тененбаум.*
Техред *М. Погостер.*

А--02208. Сдано в производство 14/X-45 г. Подписано к печати 30/V-46. П. л. 4. Уч.-изд. л. 3. Формат 72x103 1/32. Т. зн. в. л. 46.400. Тираж 6.000. Заказ 2454.

13-ая типография треста „Полиграфкнига“ ОГИЗа при Совете Министров РСФСР. Москва, Денисовский пер., д. 30.